STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02865

DI TOYZENT GEBOT

A. Shubin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א האנט-בוך פאר יעדערען

א. שובין

די
טויזענט געבאָט

די צואה פון

פראָפעסאָר ד. טיילאָר

דער ערשטער טייל

אין אלע פראגעס פון לעבען

ביי אלע געלעגענהייטען

אין אלע צייטען

THE WILL OF
PROF. D. TAYLOR

Copyright by
A. SHUBIN
1939

All rights reserved.
No part of this work may be reproduced without the written permission of the author.

די
טויזענט געבאָט

דאָס איז א שפּיגעל פון לעבען, אין אלע צייטען. יעדערער, וועלכער וועט עס לייענען מיט געדאַנק, וועט זיך איבערצייגען, אז ער האָט דאָ א פּראַקטישע עצה, ווי צו פירען זיך אליין אין לעבען, און צו לערנען די קינדער ווי אזוי זיי זאָלען זיך אויפפיהרען.

א. ש.

ווען דער פּראָפעסאָר

ד. טיילאָר

האָט אַנגעזאָגט די צואה זיינע קינדער, זיינען ארום זיין בעט דאמאָלסט געשטאַנען זיין אייגענע פאמיליע, וועלכע איז באַשטאַנען פון ניין און צוואנציג נפשות: זיין פרוי, דריי טעכ־טער און דריי זיהן, נאָך ניט פארהייראטע, פיר טעכטער און דריי זיהן פאַרהייראטע, דריי שניר, פיר איידימס און אַכט אייניקלאך.

די
טויזענט נעכֿאָט

פארלאג
„תל אביב"
טאראנטא

קינדער מיינע!

איך ווייס גאַנץ גוט, פּונקט אזוי ווי איר, אז מיין שיקזאַל איז שוין פאר׳חתמ׳עט, די געטלאכקייט האָט שוין אונטערגע־צויגן מיט מיר דעם לעצטען רעכענונג, און איך פארבלייב דאָ מיט אייך אלס גאַסט. ווי דער דאָקטאָר האָט מיר געזאָגט „אויף א מאָנאַט אָדער העכסטענס אויף צוויי" און נאָכדעם גיי איך אריבער גאָר אין אַן אַנדער וועלט, אין א העכערער, א בעסערער, א הייליגע און אַן אמת׳ע וועלט, ניט אזא מיאוסע ווי אונזערע, אזא וועלט וואו עס איז ניטאָ קיין ליגען און שווינדעל, רייכע און אָרעמע, סטרייקס און מלחמות, זאַטע און הונגעריגע, נאָר וואו אלע האָבען די זעלבע רעכט און די זעלבע מאָס גערעכטיגקייט.

און כאָטש, קינדערלאך, איך שרעק זיך ניט פאַר׳ן שטאַרבען, וועלכעס מוז דאָך סיי ווי קומען צו יעדערן, צי פריהער מיט א פּאָר יאָר, צי שפּעטער, פונדעסטוועגען האָב איך א גרויסען

פארלאַנג צו לעבן, ווייל איך וויים, קינדערלאך, אז די מוטער מיט אייך דאַרפען מיך נאָך.

עס איז געווען, קינדערלאך, צייטען, ווען איך האָב זייער גע־וואָלט שטאַרבען, דאָס איז געווען אין דער גרויסער מלחמה, ווען איך בין געלעגן אין די טרענטשעס מיט מיינע חברים, וועלכע האָבען מיט אַ טאָג פריער געלעבט, געשיקט בריף צו זייערע עלטערן, כלות, פרויען און קינדער און גע־טרוימט וועגען דער צייט, וואָס זיי וועלן שוין ווייטער זיין לעבען זייערע ליבע און טייערע.

און מיט א טאָג שפּעטער זיינען זיי שוין געלעגן צוריסענע, אז מען האָט זיי שוין ניט געקאָנט דערקאָנען אפילו, און די וואָס זיינען געבליבן לעבן האָבען מקנא געווען די גע׳הרג׳עטע, וואָס זיינען שוין דערלייזט געוואָרען פון די שרעקלאכע ליידען, וועלכע ציהען זיך מאָנאַטען און יאָרען. און איינמאָל ווען איך בין געלעגען אין א טרענטש, דריי טעג, א הונגעריגער,

קלערענדיג וועגן מיין היים און פאמיליע, בין איך איינגעשלאָפן און זע אין חלום, ווי א מלאך מיט צוויי פליגלען פליהט פון די וואָלקענס גלייך צו מיר און לאַכט הויך אויפ'ן קול, און ווען איך האָב אים א פרעג געטאָן, אַן אויפגערעגטער, וואָס איז די שמחה מיט אים, וואָס ער לאַכט אזוי, האָט ער מיר גענענט־פערט, „ווי אזוי זאָל איך ניט לאַכען פון אייערע ציוויליזירטע מענשעלאך, זעהענדיג ווי זיי שיסען אוים איינע די צווייטע, מאַכען זיך אליין פאַר קאַליקעס, די אייגענע קינדער פאַר יתומים, די אייגענע שטעדט וויסט און חרוב. די מענשען אליין דערטרינקען די מענשהייט אין בלוט, און האָבן נאָך די חוצפה צו קומען בעטען דעם אלמעכטיגען ער זאָל זיי העל־פען, ער זאָל ווערען מיט זיי א שותף, אָבער וועמען זאָל ער העלפען? אויב ער זאָל צוהערן יעדעם פאָלק וואָס בעט אים ער זאָל העלפען, דאַרף ער פאַרניכטען דאָך אלע פעלקער, ווייל איין פאָלק בעט אויפ'ן צווייטען, און זיי שעמען זיך ניט צו בעטען גאָר אזא זאך. זיי האָבען גענומען, די קלוגע

מענשעלאך, א וועלט, וואָס איז באַשאפען געוואָרען פאר אלעמען גלייך, און צעטיילט צווישען זיך, אז דאָס זאָל זיין מיינע, דאָס זאָל זיין דיינע, און דאָס זאָל זיין זיינע, און די מענשהייט וועלכע איז באַשאַפען געוואָרן פון איין באַשעפער, האָבען זיי צוטיילט אויף טויזענטער נאַציאָנען, ראַסען, פעל־קער, לענדער, און האַלטן אין איין ארומרייסן זיך, אין איין שלאָגן זיך, אין איין פאַרניכטען איינע די צווייטע, זינט זיי זיינען באַשאַפען געוואָרן ביז היינטיגען טאָג, פיל ערגער ווי די ווילדע חיות אין דזשאָנגעל, וועלכע לעבן צווישען זיך א סך פרידלאכער ווי די קולטורעלע, הויך ציוויליזירטע מענשען, וואָס זיינען אין דער אמת'ן ווילדע באַרבאַרען.

ניט מיין אָבער מענשענקינד, אז עס וועט אלעמאָל זיין אזוי, אז דער באַשעפער וועט עס אלעמאָל צוזעהן ווי מען נעמט פון אַזאַ שיינער, ליכטיגער וועלט, און מען מאַכט אַ יאָמער טאָל, און וועט לאָזען אזוי אָנגיין. עס וועט קומען א צייט, ווען די חיה וועלכע עס האָבען יעצט אין זיך די איצטיגע מענשען, וועט

פאַרניכטעט ווערען און דער מענש וועט בלייבן מענש, ניט צוזאמענגעמישט מיט חיה צוזאַמען, און אַט דיזער מענש וועט זיך שוין ניט פאַנאַנדערטיילען אויף פעלקער און לענדער מיט פאַרשיידענע גרעניצען, נאָר פון אלע נאַציאָנען וועט ווערן איין נאציאָן, פון אלע לענדער איין לאַנד, וואו די מענשענקינדער וועלן לעבן אלע גלייך, מיט דער זעלבער רעכט און מיט דער זעלבער פרייהייט, און קריג מיט מלחמות וועט שוין זיין א זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. און אזוי חלומ'ענדיג האָב איך אין שלאָף דערהערט א שטאַרקען שטורך אין זייט, פון וועלכען איך האָב זיך באַלד אויפגעכאַפּט, און דערזעהן, אז מען גרייט זיך צו אַן אַטאַקע, און באַלד איז דער גאַנצער פּלאַץ געוואָרען א העלישער גיהנם.

איך האָב באַשלאָסען, קינדערלאך, אז פאר מיין צושיידען זיך מיט אייך אויף אייביג, אָנצוזאָגען אייך ווי איר זאָלט זיך אויפפירען, און ווי איר זאָלט לעבן אויף דער וועלט, אז אייער

גוטער נאָמען, וועלכען איך האָב ערוואָרבען פאַר אייך דורך אַ סך מיה, זאָל בלייבן ריין און אומבאַפלעקט, און מענשען זאָלן האָבען צו אייך דעם זעלבן רעספּעקט, וואָס זיי האָבען געהאַט צו מיר.

1

קינדער מיינע!

ווען אייך מאַכט זיך אַן אומגליק, א דורכפאַל, זאָלט איר קיינמאָל אייער מוט ניט פאַרלירען, ווייל ווען איר פאַרלירט ניט אייער מוט וועט איר פון דער צרה ארויסקריכען, אָבער ווען איר פאַרלירט דעם מוט, זייט איר אינגאנצען פאַרלאָרן.

2

ווען אייער האַרץ זאָגט אייך עפּעס צו טאָן, זאָלט איר פריהער פרעגען אַן עצה ביים געלאַסענעם שכל, און אויב דער קאַל־טער שכל וועט מסכים זיין אויף דעם, דאַמאָלט מעגט איהר עס טאָן, ווייל דער וואָס פאָלגט זיין האַרץ און זיינע געפיהלען, ניט פרעגענדיג ביים שכל, פאַרקריכט אין א גרויסען זומפּ.

3

איהר זאָלט קיינמאָל ניט מעסטען יענעמ׳ס גליק נאָך זיין

רייכקייט און לוקסוסדיגען לעבען, ווייל עס איז מעגלאך, אז ווען ער דערציילט אייך אלעס וואס ליגט ביי אים אויפ'ן הארצען, וואלט איהר זיך בשום אופן ניט געוואלט בייטען מיט איהם.

4

ווען איר מאכט א טעות, אין וואס פאר א פאל דאס זאל ניט זיין, און מען איבערצייגט אייך אז איהר האט געמאכט א טעות, זאלט איהר זיך ניט שעמען צו מודה זיין אז עס איז טאקע אזוי און עס פארריכטען.

5

קינדערלאך,
איר זאלט קיינמאל ניט ארויסווייזען פרייד און צופרידענהייט, ווען אייער פיינט איז אין א שלעכטער לאגע, פארקערט סטארעט זיך צו העלפען איהם אויף וויפיעל אייך איז מעגלאך.

6

איר זאָלט זיך אַלע מאָל שעצען גליקלאך, ווען איר האָט ברויט צו עסען, וואַסער צו טרינקען, א בגד אָנצוטאָן און א דאַך איבער'ן קאָפּ, אויב נאָר איר דאַרפט ניט ליגען קראַנק אין בעט, אָדער זיין אין שפיטאָל, אָדער זיין איינגעשפּאַרט אין טורמע, נאָר איר קאָנט זיך אומגיין ווי אַ פרייע פייגעלע און הנאה האָבען פון גאָט'ס וועלט, ווייל די איבעריגע לוקסוסן און גליקען זיינען גאָר נישט ווערט.

7

איר זאָלט ניט געהערן צו דיזע מענשען, וואָס האָבען שטענדיג טענות צו דער וועלט, צו די מענשען, ווייל איר זאָלט וויסען, אז קיינער וועט אייך גאָר נישט אויסצאָלן, סטאַרעט זיך בעסער צוצופּאַסען זיך צו יעדער לאַגע און טאַנצט אויך מיט דער וועלט, און זעהט אויסצוזויגען פון דער וועלט מילך און האָניג וויפיעל אייך איז מעגלאך, עס פאַר־שטעהט זיך נאָר מיט אַן אָרענטלאכען וועג.

8

ווען איר זייט אין פרעמדע שטעדט, און אייך קומט אויס צו האָבען פאַרבינדונגען מיט פרעמדע מענשען, זאָלט איר געדענקען, אז אין יעדער שטאָט און אין יעדער גאַס, דרעהען זיך ארום מענשען פון דעם טיפּ מר. הייד און דאָקטאָר דזשעקל, אזעלכע מענשען וואָס בייטאָג פיגורירען זיי פאַר וואַזשנע גרויסארטיגע בירגער און ביינאַכט זיינען זיי פשוט'ע מערדער.

9

אז איינער קומט בעטען ביי אייך א נדבה, אָדער הילף, זאָלט איר אים געבען א נדבה אָדער איר זאָלט אים העלפען, און ניט פרעגן אויף זיין פּאַס, אָדער אויפ'ן יחוס.

10

איר זאָלט ניט ריידען וועגען יענעם שלעכטס, אויב איר האָט

זיך אליין ניט איבערצייגט אין דעם, נאָר וואָס יענער האָט אייך דערציילט.

11

קינדער מיינע,

איר זאָלט געדענקען, אז בילדונג, לערע, ברענגט גליק און צופרידענהייט, רייכקייט אָבער, ברענגט ניט אלעמאָל דיזע זאַכען, ווייל זעהר פיעל מאָל טרעפט, אז דער גליק פון רייך ווערן, איז דער ערשטער טרעפּ צו אַן אומגליקלאַכען פאַמיליע לעבן און צו אלע צרות.

12

א נאַר אז ער ווערט רייך, זאָגט ער, אז ער איז דער העלד און דער בריה, און אז ער פאַרלירט זיין געלט און ווערט אָרעם איז שוין ג׳ דער שולדיגער, ווייל ג׳ האָט אזוי געוואָלט.

13

איר זאָלט וויסען, קינדערלאך, אז מזל מיט פלייסיגקייט זיינען

ברידער, און שלימזל מיט פוילקייט זיינען שוועסטער.

14

איר זאָלט וויסען, אז אַן אַלטער מאַן גייט חתונה האָבען מיט א יונגער פרוי, שרייבט ער אונטער צרות און אַ טויט אורטייל אויף זיך אליין.

15

א מאַן וואָס שרייבט איבער זיין פאַרמעגען אויף די נעמען פון די קינדער בעת'ן לעבען, דאַרף מען אים געבען קייען שטרוי צוזאַמען מיט די פערד אין שטאַל.

16

איר זאָלט אלעמאָל, קינדערלאך, וויסען, אז חושד זיין א מענ־שען אין עפּעס, איז ניט קיין זינד, אָבער פאַרשעמען אים אָדער טאָן אים שלעכטס אויף דעם גרונט וואָס איר זייט אים חושד, איז שוין יע אַ זינד.

17

איר זאָלט אַלעמאָל געדענקען, קינדערלאַך, אַז אפילו ביי שלעכטע עלטערן אין אַ קליינינקער הייזקע איז פאַראַן גענוג אָרט פאַר דרייצען קינדער,

און ביי גוטע קינדער אין די רייכסטע פּאַלאַצען, איז צו ענג פאַר אַן אַלטען טאַטען אָדער פאַר אַן אלטער מאַמען.

18

ווען איר פאָרט, קינדערלאַך, אין אַ קאַר, אָדער איר זייט אין אַ געזעלשאַפט, זאָלט איר געדענקען, אַז קיינער איז ניט פאַר־אינטערעסירט צו וויסען, וויפיעל גראַדוס ליבע איר האָט צו אייער כלה, אָדער צו אייער פרוי, וועלכע זיצט מיט אייך צוזאַ־מען אין קאַר אָדער אין געזעלשאַפט.

19

קינדערלאַך, ליבע איז געגליכען צו עלעקטריק, זי לייכט און וואַרעמט ווען אַלץ איז אין אָרדנונג. ווען עס ווערט אָבער עפּעס קאַליע ווערט אלץ אויסגעלאָשען.

20

איר זאָלט אלעמאָל געדענקען, אז ניט אלע מאָל דארף מען וועגן א זאַך וואָס מען פּיהלט טראַכטען, און וועגען א זאַך וואָס מען טראַכט ריידען, און וועגען א זאך וואָס מען רעדט טאָן.

21

קינדערלאך, ווען איינער קומט צו אייך אראָפּריידען זיך פון האַרצען, אויסדערציילן אייך זיינע צרות, האָט געדולד, הערט אים אויס, ווייזט אים אייער סימפּאַטיע כאָטש איר קאָנט אים ניט העלפען, ווייל מיט דעם אליין וואָס איר הערט אים אויס, ברענגט איר אים שוין אַ דערלייכטערונג און אַ גרויסע רפואה צו זיינע וועהטאָגען.

22

קינדערלאך,

אייך וועט ווען עס איז צוניץ קומען צו וויסען, אז אזעלכע

לייט וואָס האָבען שוין אפילו אליין אייניקלאך, זיינען אָבער ביי זייער טאַטען און מאַמען נאָך אַלץ קינדער.

23

איר זאָלט וויסען, קינדערלאך, אז ביי אַ טאַטען און מאַמען אין הארצען איז ניט פאַראַן אַזאַ זאַך ווי גוטע און שלעכטע קינדער, כאָטש אין ריידען מיט מענשען דריקען זיי זיך אוים מיט אזעלכע נעמען.

24

איר זאָלט אלעמאָל וויסען, קינדערלאך, אז אַ מענש מיט פעה־לערן איז אַלץ בעסער ווי פעהלערן אָהן אַ מענשען.

25

פאַראַן זעהענדיגע מענשען, וואָס זיינען אזוי בלינד, אז עס גע־דויערט אַ גאַנץ לאַנגע צייט צו מאַכען זיי דערזעהן, וואָס אונ־טער זייער נאָז טוט זיך.

26

איר זאָלט געדענקען, קינדערלאך, אז פון רייכקייט ביז אָרעמקייט איז איין שפּאַן, אָבער פון אָרעמקייט צו רייכקייט איז אַ גרויסער מהלך.

27

קינדערלאך מיינע,

אַן אָרעמאַן איז טאַקע געגליכען צו א טויטען, אַבער פאַר געלט, עסען, קליידער, דירה געלט, מוז ער צאָלען, און אויב ער האָט ניט מוזט איר אים העלפען.

28

איר זאָלט וויסען, קינדערלאך, אז אַ פאַמיליע־מאַן מיט א שוואַכען כאַראַקטער, קען אים ברענגען אָרעמקייט, ווען ער קאָן ניט אויסהאַלטען די פאַמיליע, צו די גרעסטע פאַרברע־כענס אָדער צו זעלבסטמאָרד, כאַטש אין נאַטור איז ער אַ גאַנץ אָרענטלאכער מאַן.

29

איר זאָלט וויסען, קינדערלאַך, אז וואָס גרעסער די ליבע ביי אַ פּאָר פאָלק איז אין אָנהויב, אלץ גרעסער איז נאָכדעם דער האַס, ווען די ליבע קערט זיך איבער אויפ'ן לינקען זייט.

30

איר זאָלט ניט פרעגען ביי א מענשען אזעלכע זאַכען, וואָס איר זייט ניט זיכער אז ער וועט אייך וועלען אויף דעם ענטפער־רען, ווייל איר וועט אים מעגלאַך אריינברענגען אין אַן אומאַנגענעמער לאַגע, וואָס וועט אים צווינגען צו זאָגען אייך א ליגען.

31

קינדערלאַך, א מענש שרעקט זיך פאר'ן טויט און האָט וועגען אים די ערגסטע מיינונג, נאָר עס איז גאַנץ מעגלאַך, אז ווען מיר וואָלטען געקאָנט שטאַרבען און ווידער אויפלעבען און וויסען ווי אזוי עס קומט אוים, וואָלטען מיר געהאַט אַן אַנדער מיינונג וועגען אים.

32

דער טויט איז אַזאַ מאכל, וואָס פאַר איינעם איז ער סם און פאַר אַ צווייטען האָניג.

33

איר זאָלט געדענקען, אז האַרץ און געפיהל איז איין זאַך און שכל און לאָגיק איז א צווייטע זאך, און דיזע 2 זאַכען שטימען ניט גאַנץ אָפט.
שכל און לאגיק קאן מען האַלטן אונטער קאנטראל, אבער דאס האַרץ און די געפיהלען לאָזען זיך ניט איינשפאַנען אין קאָנ־טראָל און געהן אריבער פיעל מאָל אלע גרעניצען.

34

טעכטער מיינע, איר זאָלט געדענקען אז א סך אלטע מיידלאך דערוויסען זיך ערשט אז די צייט שטייט נישט, ווען עס איז שוין צו שפעט צו פאַרריכטען זייער טעות, און פיל מאָל זייער נאַרישקייט.

35

קינדערלאך, מיינע, איר זאָלט וויסען, אז גרויסע קינדער רעס־פעקטירען פיל מער זייערע עלטערען, ווען זיי ווייסען אז די עלטערען דאַרפען צו זיי ניט אָנקומען.

36

קינדערלאך,

א פרוי וואָס מיינט אז זי טוט א טובה זיך, צי דעם מאַן, צי די קינדער, ווען זי האָרעוועט איבער די כחות און פאַרלירט דעם געזונט מיט איר אויסזעהן, מיט איר גאַנצען רייץ, וועט זיך כאַפּען אַביסעל שפּעטער, אז זי האָט געמאַכט א גרויסען טעות, ווייל יעדע זאַך האָט א געווויסען גרעניץ.

37

א פרוי וואָס דענקט, אז פאר אַן אייגענעם מאַן דאַרף מען ניט יוצא זיין און מען דאַרף זיך ניט סטאַרען צו זיין אָנציהענד, ווייל „עס איז שוין דאַך נאָך דער חתונה דאַרף איך דען זוכען

צו געפעלען מיין אייגענעם מאַן", ווי פיעלע פרויען שפּרעכען זיך אוים, אזא פרוי וועט זיך כאַפּען שפּעטער, אז זי האָט געמאַכט א טעות, און אין אנדערע פאַמיליעס ברענגט דער געדאַנק צום ענדע, טראַגישע רעזולטאַטען.

38

אויב איר ווילט אז דאָס לעבען זאָל אייך ניט אנטוישען, זאָלט איר לכתחילה צופיעל ניט פאַרלאַנגען פון אים.

39

גליק און כבוד זיינען פון יענע זאַכען, וואָס אז מען לויפט נאָכ־דעם, אַנטלויפט עס, און קומען קומט עס גראַדע ווען מען לויפט ניט נאָכדעם.

40

איר זאָלט ניט געהערן צו דיזע מענשען, וואָס אַרט ניט ארויסצונעמען זיך איין אויג, אָבער דערפאַר דעם צווייטען ביידע.

41

קינדערלאך,

א סך פראַגעס וועלען אייך פאַרענטפערט ווערען, ווען איר וועט געדענקען אז אַלט ווערט נאָר דער קערפער ביי א מענ־שען, אָבער די נשמה ווערט ניט אלט. און עס איז דאָ אזעלכע אַלטע לייט, וועלכע האָבען גאַנץ יונגע נשמות און זייערע פאַרלאַנגען זיינען גאַנץ יונגע.

42

איר זאָלט געדענקען, קינדער, אז אריינקריכען אין א צרה איז גאַנץ גרינג, אָבער ארויסקריכען פון דער צרה איז שוין גאַנץ שווער.

43

קינדערלאך, אויב איר וועט ווען עס איז פאַרלירען אייער געלט, זאָלט איר כאָטש היטען אייער שכל מיט אייער מוט, אז ניט וועט איר זיין אינגאנצען פארלאָרענע.

44

קינדער מיינע, איר זאָלט וויסען, אז א מענש וואָס ווערט

זייער מבולבל, ווען עמיצער באַצאָלט אים א רעה פאַר אַ טובה, איז א סימן, אז ער קאָן נאָך דאָס לעבן ניט.

45

טעכטער מיינע, א סך פרויען זיינען אומגליקלאך געוואָרען אויפ'ן גאַנצען לעבען, דערפאַר, וואָס זיי האָבען געהאַט דאָס גליק צו זיין שיינע מיידלאך.

46

ניט איין בחור האָט חרטה געהאַט זיין גאנץ לעבען, וואָס ער האָט זיך איינגעליבט אין א שיין מיידעל, ניט קימערענדיג זיך וועגען אירע אנדערע מעלות און כאַראַקטער.

47

קינדערלאַך, איר זאָלט זיך קיינמאָל ניט אונטערהערען וואָס מענשען ריידען, ווען איר דענקט אז זיי ווילען ניט אז עמיצער זאָל וויסען וואָס זיי ריידען.

48

איר זאָלט ניט געהערען צו יענע וואָס האָבען אַ נאַטור, אז ווען

צו זיי קומען געסט, אָדער ווען זיי זיינען אין געזעלשאפט, האַל-טען זיי שטענדיג אין איין לויבען זייערע קינדער, וואָס פאַר אַ גוטע און געראָטענע קינדער זיי האָבען, זאָלען בעסער אַנדערע דאָס טאָן, ניט איר אליין.

49

קינדערלאך, עס טרעפט גאַנץ אָפט, אז מען טוט א קרומע זאַך און עס לאָזט זיך אויס גלייך, און עס טרעפט, אז מען טוט א גלייכע זאַך און עס לאָזט זיך אויס קרום.

פונדעסטוועגען זאָלט איר אלעמאָל גיין אויף א שכל'דיגען, גלייכען וועג, ניט טאָן קרומע זאכען און פאַרלאָזען זיך אויף א נס.

50

איר זאָלט, קינדערלאך, ביי קיינעם גאָר נישט פארזוכען און פון קיינעם קיינע מתנות נעמען, אויב איר האָט א חשד אז ער גיט דאָס אייך ניט מיט אַן אמת'ער האַרץ.

51

איר וועט, קינדערלאך, קיינמאָל קיין חרטה האָבען, ווען יענער פאַרדינט איר זאָלט אים אָנזידלען, אָדער בכלל טאָן אים שלעכטס, און איר האָט אים דאָס ניט געטאָן.

52

איר זאָלט קיינמאָל ניט אָפּלייגען צו טאָן א גוטע זאַך אויף מאָרגען, אויב איר קענט עס טאָן היינט.

53

עס טרעפט אָפּט, אז א נאַר טוט די גרעסטע חכמה און אַ קלוגער טוט אָפּט די גרעסטע נאַרישקייט, פונדעסטוועגען וועט זיך דער קלוגער איבער דעם ניט וועלען בייטען מיט דעם נאַר.

54

א קלוגע פרוי קאָן א מאַן ארויפפירען אויף א וועג און גליקלאַך מאַכען זיך און אים, און פאַרקערט קאָן אזוי א פרוי דעם מאַן

אראָפּפירען פון וועג און אומגליקלאך מאַכען די גאַנצע פאַ־
מיליע.

55

קינדערלאך,
עס איז פאַראַן אויף דער וועלט מענשען, וואָס זייער גרעסטער
פארגעניגען איז, ווען זיי טוען אזעלכע זאַכען מיט וועלכע זיי
פאַרשאַפען א צווייטען שמערצען.

56

קינדערלאך, דער קעניג שלמה האָט זייער קלוג געזאָגט, „אז
מענשען זאָלען זיך לערנען פון אַ מילב, וואָס ווייסט בעסער
ווי אלע דעם סוד, אז מען גרייט ניט אָן זומער האָט מען ניט
ווינטער", און גראַדע ניט אלע יונגע מענשען פארשטעהן
עס.

57

קינדערלאך, אזעלכע סודות, אָן וועלכע עס ווענדעט זיך אייער

גליק און אייער עקזיסטענץ, זאָלט איר ניט דערציילען אפילו אייער בעסטען פריינד, ווייל איר קאָנט ניט וויסען וואָס מאָרגען קאָן זיין.

58

איר זאָלט קיין מורא האָבען פאַר קללות, וואָס יענער שילט אייך פון כעס, ווייבאַלד איר זייט איבערצייגט אז עס איז אומ־זיסט, ווייל אזעלכע קללות קומען אָן צוריק דעם, ווער עס האָט זיי געגעבען.

59

עס איז מערקווירדיג, קינדער, ווי פיל מאָל זעהען גראַדע זייטיגע פרעמדע מענשען, ווי אַ מענש שלעפּט זיך אליין אריין אין א גרוב, און ער אליין באַמערקט דאָס ניט.

60

קינדערלאך, איר זאָלט געדענקען אז מען זינדיגט צו ג״ קאָן דאָס ג״ פאַרגעבען, ווען מען האָט חרטה אויף די זינד מיט אַן

אמת הארץ. אבער אז מען זינדיגט צו א מענשען קאן ג״ גאר נישט העלפען, מען מוז אויפזוכען דעם מענשען און דורכ־קומען מיט אים.

61

איר זאלט קיינמאל ניט אננעמען פאר אן אמת, וואס מען דערציילט אייך אויף יענעם עפעס שלעכטס, אבער אין גע־דאנק זאלט איר עס האלטען, אויב דאס איז אייך נוגע.

62

ווען איר וועט זיין רייך, זאלט איר ניט פארלירען דעם זכרון און געדענקען ווי אייך איז געוועז, ווען איר זייט געוועז ארעם און דעם שיקזאל פון יענע, וועלכע האבען ניט געהאט דאס מזל רייך צו ווערן.

63

איר זאלט וויסען, קינדער, אז א קריג איז ווי א פייער, עס הייבט זיך אן פון א קליין שוועבעלע און קאן חרוב מאכען א וועלט.

און דערפאר טאַקע, זאָלט איר אַנטלויפען פון קריג אזוי ווי פון פייער.

64

איר זאָלט וויסען, קינדער,

אז מיט חוצפה קאָן מען זיך טאַקע דערשלאָגען צו א הויכער שטעלע אין דער געזעלשאַפט, אָבער מען קען זיך מיט דעם ניט אָנהאלטען אויף דער שטעלע און קריגען רעספעקט פון דער געזעלשאַפט.

65

דער וואָס וויל האָבען א גוטען גייסט, מוז זעהן צו האָבען א געזונטען קערפער.

נאַפּאָלעאָן האָט אמאָל געזאָגט „אז עס קאָן געבען מען זאָל פאַרלירען א גרויסע שלאַכט, איבער א פלוצלונגדיגען בויכ־ווייטאָג וואָס א פעלדמארשאל האָט געקראָגען".

66

א מענש וואָס האָט א צווייטע פרוי, דאַרף ניט זיין קיין נאַר און

וואָס וויי‌ניגער פֿאַר איר דערציילען די גוטע מעלות פֿון דער ערשטער.

67

טעכטער מיינע,

עס זיינען פֿאַראַן פֿילע מוטערס, וואָס זייער ליבע צו זייערע קינ־דער איז גלייך צו יענעם בער, וועלכער האָט פֿון גרויס ליב־שאַפֿט אזוי ארומגענומען זיין בעל הבית, אז ער האָט אים צעקוועטשט אויף טויט.

68

קינדערלאך, פֿאַראַן פֿילע זאַכען, וואָס פֿארשטיין מיט'ן שכל קאָן מען ניט, נאָר מען מוז עס אליין פֿילן, און איינע פֿון דיזע זאַכען איז, די געפֿיהלען פֿון עלטערען צו קינדער, און כדי צו פֿארשטיין און פֿילען עס, מוז מען אליין זיין א פֿאָטער אָדער א מוטער.

69

קינדערלאך, ווען א בחור ליבט א מיידעל און וויל מיט איר

חתונה האָבען און אין דער זעלבער צייט רעדט ער שלעכטס אויף אירע עלטערען, זייגט ער, אז ער איז אַ נאַר און א גראָביאַן.

70

אז איר זעט א מענשען וואָס האָט צו קיינעם קיין צוטרויען ניט און איז יעדערן חושד אין עפּעס, מעגט איר נעמען צווייפלען אין זיין אָרענטלאכקייט.

71

קינדערלאך,
די וועלט איז א ליכטיגע פאַר דעם, וואָס פאַרלירט ניט דעם מוט און האָט האָפענונג, און אַ פינסטערע פאַר דעם, וועלכער פאַרלירטביידע זאַכען.

72

איר זאָלט אלעמאָל פארגעבען יענעם, ווער עס האָט אייך געטאָן שלעכטס און קומט אייך נאָכדעם איבערבעטען.

73

פונקט ווי עס איז טרויעריג צו זעהן א מענשען, וואָס האָט קינדער און האָט ניט די מיטלען מיט וואָס אויפצוהאָדעווען זיי, אזוי איז ניט ווייניגער טרויעריג צו זעהן פאַרמעגליכע עלטערען, וואָס האָבען קיין שכל ניט ווי צו דערציען זייערע קינדער.

74

קינדערלאך, א מאַמע פון קליינע קינדער, וועלכע געפינט זיך מער ביי ברידזש פאַרטיס און ביי פאַרשיידענע אונטער־נעמונגען, איידער אין דער היים מיט אירע קינדער, וועלכע בלייבען שטענדיג אליין אָהן דער מאַמען, דאַרף מען שיקען לערנען האָדעווען קינדער אין וואַלד צו דער שלאַנג.

75

איר זאָלט געדענקען, אז ניט אלץ וואָס איז זיס איז האָניג, עס קאָן זיין, אז דאָס איז גיפט מיט צוקער פון אויבען באַ־שאָטען.

און דיזער כלל קומט זייער צוניץ אין לעבען ביי באגעגענישען מיט פארשיידענע מענשען, און ביי א סך פאַרשיידענע אַנדערע זאַכען.

76

קינדערלאך, פון אַ ליגען זאָגען זאָלט איר אנטלויפען, סיידען ווען איר דאַרפט מאַכען א שלום ערגעץ אין אַ פאַמיליע, צי אין אַ געזעלשאַפט און דאָס איז דער איינציגער מיטעל וואָס קאָן ראַטעווען די סיטואַציע, דאַמאָלסט קאָנט איר זיך באַנוצען דערמיט.

77

ווען איר זעט אז איינער וויינט, איז נאָך ניט זיכער אז אים איז אזוי שלעכט אז ער וויינט פון צרות, ווייל גאַנץ אָפט וויינט מען פון גרויס פרייד.

78

אז איר זעט ווי איינער לאַכט, איז דאָס נאָך ניט קיין סימן אז עס איז פון פרייד און פון נחת, ווייל פיל מאָל איז דער לאַכען א

מיטעל צו פאַרדעקען די צרות אין האַרצען, כדי א צווייטער זאָל דאָס נאָכ'ן פּנים ניט דערקאָנען.

79

פיל מאָל, קינדערלאך, האָט מען א טעות אין אַ מענשען זיין גאַנץ לעבען, ערשט נאָכ'ן טויט געפינט מען אויס וואָס פאַר אַ מענש ער איז געווען.

80

קינדערלאך,

א מענש דאַרף אלעמאָל געדענקען ווי אַלט ער איז און צופאַ-סען דאָס לעבען צו די יאָרן,

ווייל די נאַטור לאָזט זיך ניט אָפּנאַרען, און זי באַשטראָפט זייער שווער ווען אַ מענש פירט ניט קיין רעכנונג פון זיינע יאָרען, אָדער מאַכט זיך ניט וויסענדיג.

81

אַ מענש וואָס ווערט פון א שלעכטער לאַגע מבולבל און פאַר-

צווייפעלט, צייגט אז ער איז נאָך ניט ארויס פון די קינדער יאָרן.

82

שותפות אין געשעפט איז אזוי ווי א חתונה פון אַ פּאָר פאָלק. אויב די שותפים האָבען פאַרשיידענע כאַראַקטערס, וועלן זיי קיין ערפאָלג אין דעם געשעפט ניט מאַכען, כאָטש עס איז דאָ אויסנאַמען אויך.

83

יעדער מענש קאָן ווערען באַליבט און פּאָפּולער ביי זיינע מיטמענשען און אין געזעלשאַפט, אויב ער האָט נאָר שכל און טאַקט ווי צו האַנדלען מיט זיי.

84

קינדערלאך,
א סך מאָל איז אַ שיינע אינטעליגענטע שפּראַך, א צודעק צו אַ פאַרדאָרבענעם כאַראַקטער און שלעכטע געדאַנקען.

85

קינדערלאך,

פון א שונא זאָלט איר זיך היטען, אָבער ניט מורא האָבען, ווייל מורא האָט נאָר א פייגלינג.

86

יעדע זאַך, וואָס איר ווילט ניט, אז יענער זאָל אייך טאָן, זאָלט איר יענעם ניט טאָן. אזוי האָבען אונז געלערענט אונזערע אלטע חכמים.

87

קינדערלאך, צו ווערען וועלט-באַרימט און אומשטערבלאַך איז ווייניג מזל אליין, מען דאַרף טאַקע עפּעס אויפטאָן פאַר דער וועלט אויך, ווייל נאָך אלעמען איז דער עולם ניט קיין גולם, מען קאָן א גאַנצע וועלט מיט מענשען ניט אָפּנאַרען.

88

איר זאָלט ניט גלויבען:

אז אַן אָרעמאַן זאָגט: „ווען איך וועל רייך ווערען, וועל איך

טיילען געלט צו אלע נויטבאַדערפטיגע און צו אלע צדקה אינ־
סטיטוציעס".

אז אַן ארבייטער זאָגט: „ווען איך וועל ווערען אליין א באָס,
וועל איך אלע מאָל זעהן צופרידענשטעלען די ארבייטער",
ווייל ווען עס טרעפט טאַקע אזא זאַך, פאַרגעסען זיי גלייך וואָס
זיי האָבען אמאָל פאַנטאַזירט.

89

ווען איר הערט אין אַ געזעלשאַפט, איינער זאָגט א ליגען, פון
וועלכען ער האָט הנאָה און טוט מיט דעם קיינעם קיין שאָדען
ניט, זייט איר ניט מחויב צו זאָגען אים וואָס איר ווייסט, זאָל ער
זיך הנאה האָבען געזונטערהייט, ווייל איר וועט די נאַטור פון
דעם מענשען ניט איבערמאַכען.

90

קינדערלאך,

עס איז ניטאָ קיין מיאוס'ערע זאַך ווי:

1) אז מען טוט אַ מענשען א טובה, נאָכדעם באַרימט מען זיך פאר אלעמען מיט דעם.

2) צו באריידען פאר מענשען אַן אייגענעם מאַן, אָדער אַן אייגענע פרוי.

3) אז קינדער איבערצייגען זיך, אז דער פאָטער און די מוטער זאָגען ליגענס.

91

איר זאָלט אלע מאָל סטאַרען זיך צו האָבען א קליינע טייבעלע א געבראָטענע, ביי זיך אויפ'ן טיש, איידער א גרויסע, פעטע גאנז אין דער פאַנטאַזיע.

92

בעסער צו וואוינען אין א קליינער הויז, אָבער אַן אייגענס, איידער אין אַ גרויסען, אָבער פרעמדען פאַלאַץ.

93

קינדער מיינע,

א דאָקטאָר פאַרשטייט טאַקע א קרענק, אָבער פיהלען פיהלט

עס דער חולה, און ניט אומזיסט זאָגט מען, פרעגט ניט ביים רופא, נאָר פרעגט ביים חולה.

94

דער וואָס וויל גיך רייך ווערען מיט ניט אָרענטלאכע מיטלען, וועט צום סוף מקנא זיין דעם וואָס לעבט פון צדקה, כאָטש עס זיינען פאַראַן אויסנאַמען אויך.

95

קינדערלאך,
ווען איר גייט אריין ביינאַכט אין אייער שלאָפצימער, זאָלט איר לאָזען אויף יענעם זייט טיר אלע אייערע טראכטעניש וועגען געשעפט, אלע זאָרגען, און אלע דאגות. לייגט זיך שלאָפען און טראַכט פון די טעגלאכע נייעס, פון די קינדער יאָרען, וועט איר באַלד איינשלאָפען.

96

ווער עס דערציילט א צווייטען א סוד וואָס עמיצער האָט אים פארטרויעט, ציינגט ער מיט דעם אז ער איז ניט ווערט דעם נאָמען מענש.

97

א נאַר אפילו אז ער זאָגט ווען עס איז א חכמה, זאָגט ער עס אויך ניט וואו מען דאַרף, ניט ווי מען דאַרף, און ניט פאַר וועמען מען דאַרף.

98

קינדערלאך,

א מענש וואָס גיט יענעם הילף ניט אין דער ריכטיגער צייט, איז אזוי ווי פייער־לעשער קומען לעשען א פייער, ווען עס איז שוין אלץ אָפּגעברענט.

99

איר זאָלט וויסען, אז נאַטור און צייט וועלען זיך צו אייך קיינ־מאָל ניט צופּאַסען, איר מוזט זיך צופּאַסען צו זיי.

100

קינדערלאך,

מקנא זיין יענעם איז זייער א מיאוס׳ע זאַך, אָבער ווען דאָס וואָלט ניט געווען, וואָלטען א סך נוצליכע זאַכען ניט אָפּגע־

טאָן ווערען אויף דער וועלט און די וועלט וואָלט אַנדערש אויסגעזעהן, ווייל דאָס איז איינע פון יענע זאַכען וואָס טרייבט די מענשען צום פראָגרעס.

101

א מענש, וועלכער טוט מענשען טובות און העלפט זיי, ווען זיי ווענדען זיך צו אים, איז גלייך ווי איינער גיט סחורה אויף באָרג, וועלכער נעמט אָפּ נאָכדעם דעם קרן מיט פראָצענט.

102

פאַר אַ מאַן וואָס האָט פארלאָרען זיין געלט און געפינט זיך אין אַ שלעכטער לאַגע, זאָלט איר ווייניגער דערציילען אייערע גליקען און רייכקייט.

103

איר זאָלט אין אייער הויז ניט ווייזען קיין ליבשאַפט, צו איין קינד מער ווי צו א צווייטען.

104

איר זאָלט זיך ניט קאָמפּאַנירען מיט ליגנער, מיט פּוסטע באַרימער, וואָס דערציילען אייך וועגען זיך זאַכען וואָס זיינען ניט געשטויגען, ניט געפלויגען, און מיט אזעלכע וואָס האָבען ליב צו מאַכען פון יעדער זאַך צען מאָל גרעסער.

105

איר זאָלט געדענקען אז עסען און טרינקען איז ניט דער ציל פון לעבען, נאָר דער מיטעל צום לעבען.

106

איר זאָלט קיינמאָל ניט זאָגען אז מיר דאַרפען זיך שוין ניט לערנען, ווייל מיר האָבען שוין גענוג געלערענט, נאָר אייער גאַנץ לעבען זאָלט איר זיך אלץ מער לערנען.

107

איר זאָלט ניט זיין פון יענע עלטערע, וועלכע כאַפּען זיך

אז זיי האָבען ניט פאַרשטאַנען די נשמה פון קינד ערשט דאַ־
מאָלסט, ווען דאָס קינד איז אוועק און האָט זיי פאַרלאָזען
דערפאַר, ווייל זיי האָבען עס ניט געוואָלט פאַרשטיין און צו־
פאַסען זיך צום קינד'ס פסיכאָלאָגיע.

108

זיהן מיינע,
איך זאָלט וויסען, אז דער כאַראַקטער פון א פרוי איז, דאָס זי
גלייכט קאָמפּלימענטען און צערטליכקייט, און אויב זי קריגט
דאָס ניט ביי איר מאַן, ווערט ביסלאכווייז ביי איר אין האַרצען
אויסגעלאָשען די שטאַרקע יוגענטליכע ליבע צו אים, און
דער גאַנצער שלום בית הויבט אָן אונטערצוהינקען.

109

קינדערלאך, איר זאָלט קיינמאָל ניט זוכען נקמה צו נעמען
פון א מענשען וואָס האָט אייך עפּעס שלעכטס געטאָן, איר
זאָלט פאַרגעסען אויף דעם.

110

איר זאָלט געדענקען, אז די לעגענדע דערציילט, דאס מיט טויזענטער יאָרען צוריק, ווען ג״ האָט אראָפּגעוואָרפען מלאכים אויף דער וועלט, זיינען זיי געוואָרען ערגער ווי מענשען.

111

איר זאָלט ניט געהערען צו יענע מענשען, וועלכע האָבען אַזאַ געוואוינהייט צו פרעגען דעם צווייטען אָהן א שיעור אינטימע פראגעס, ניט וועלענדיג פארשטעהן, אז יענער האָט ניט קיין חשק צו ענפערען אויף זיי.

112

איר זאָלט ניט געהערען צו יענע מענשען, וועלכע האָבען ליב צו איבערראַשען דעם צווייטען מיט א שלעכטער בשורה.

113

קינדערלאך,

איר זאָלט ניט געהערען צו דיזע מענשען, וואָס אום ניט צו

געבען קיין ביישטייערונג אויף וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס רעדען זיי אָן אויף זיי, אז זיי זיינען ניט ווערט מען זאָל זיי שטיצען.

114

האַנדעלט בעסער מיט דער ערגסטער סחורה און מאַכט א לעבען, איידער האַנדלען מיט גאָלד און דימענטען און קיין לעבען ניט מאַכען.

115

קינדערלאך,
איר קאָנט אומגיין מיט אייער „באָי פרענד" אָדער מיט אייער „גירל פרענד" לאַנגע יאָרען, וועט איר אָבער זייער אמת'ן כאַראַקטער ניט דערקאָנען ביז נאָך דער חתונה, ווען דער לעבען וועט אריינגיין אין דעם געוויינלאכען וועג.

116

ווען איר מאַכט אויפמערקזאַם דעם צווייטען אויף א פעהלער,

וואָס ער באַגייט, זאָלט איר פריהער גוט באַטראַכטען צי איר אליין האָט ניט אין זיך דעם זעלבען פעהלער.

117

ווען איר פיהרט, קינדערלאך, מיט מענשען אַ דעבאַטע וועגען א זאַך, און יעדערער פון אייך וויל זיין גערעכט, זאָל דאָס זיין מיט טאַקט, אָהן פערזענליכע באַליידיגונגען.

118

קינדערלאך,

איר זאָלט היטען: אייער וואָרט, אייער צוזאָג, אייערע התחיבות, וואָס איר מאַכט צו יענעם, און אַ זאך וואָס איר וועט ניט קאָנען דערפילען זאָלט איר פריהער ניט צוזאָגען.

119

איר זאָלט אלע מאָל לעבען נאָך אייערע פאַרדינסטען, ניט מער. איר זאָלט ניט אויסגעבען מער ווי איר פאַרדינט, מיט דער האָפענונג, אז איר וועט שפּעטער מער פאַרדינען,

אָדער איר וועט אויף עפּעס אַן אַנדער אופן קריגען געלט און דעקען דעם דעפיציט, ווייל פון אזעלכע זאַכען קומט קיין גוטס ניט ארויס.

120

איר זאָלט זיך קיינמאָל ניט שעמען צו פרעגען ביי אַ צווייטען אַ זאך וואָס איר פארשטייט אליין ניט, אויב איר ווילט פאַר־שטיין גוט די וועלט, ווייל די מידה פון בושה איז זייער א גוטע זאַך צו נוצען וואו עס פּאַסט, אָבער זייער א שעדלאכע זאַך צו נוצען גראַדע וואו עס פּאַסט ניט.

121

טעכטער מיינע,

ווען א פרוי שפּאָרט אָפּ געלט פון הויז הוצאות און קלייבט פאַר זיך, גייט דאָס ניט אריין אין כלל פון גנבה.

אין פילע פאַמיליעס אָבער, איז אום צו אויפהאַלטען דאָס פרידלאך לעבען, דאַרף דער מאַן פון דעם אויך וויסען.

122

קינדערלאַך,

ווען איר זייט ביי יענעם א גאַסט, ווייזט ניט קיין אומצופריי־דענהייט, פון דעם ווי מען נעמט אייך אויף, פון די עסען זאַכען, וואָס מען גיט אייך, קריטיקירט גאָרנישט אין הויז, נאָר זאָגט אויף אַלעם א גוטען מיינונג, זייט צופרידען און פריי־לאַך, און מאַכט זיי פיהלען אנגענעם מיט אייער זיין דאָרטען.

123

קינדערלאַך,

אין דער געזעלשאַפט, וואו עס איז דאָ אלטע מיידלאַך, וועלכע האָבען ניט געהאַט קיין ערפאָלג אין לעבען, אין זייערע פאַנ־טאַזיעס, אין זייערע שטרעבונגען, און אין זייערע האָפענונגען, זאָלט איר ניט ריידען פון די גליקען און די ערפאָלגען אין לעבען, וואָס אנדערע מיידלאַך האָבען יע געמאַכט.

124

טעכטער מיינע,

איר זאָלט וויסען, אז מיידלאַך וואָס ווילען הייראַטען דאַר־

פען ניט זיין צוריקגעצויגען, זיי דאַרפען זיך געפינען אין גע־
זעלשאַפט, און דאַרפען זיין גענוג קלוג צו קאָנען פּאַראינטע־
רעסירען א בחור מיט זיך.
עס פארשטייט זיך אליץ אויף אַן אָנשטענדיגען אופן.

125

טעכטער מיינע,
אַ מאַמע דאַרף קיינמאָל ניט אנטוישען אַ קינד מיט דעם
ענטפער „איך ווייס ניט" ווען דאָס קינד פרעגט עפּעס, ווייל א
מאַמע מוז אלעס וויסען, און א קלוגע מאַמע געפינט שוין א
קלוגען ענטפער אויף איר קינד'ס פראַגע.

126

קינדערלאך,
עלטערען וואָס פאַרנאַכלעסיגען צו געבען די קינדער א גוטע
דערציהונג, גראָבען פאַר זיך אַ גרוב, שאַנדע און צרות.

127

זיהן מיינע,
אויב איר וועט האַנדלען ניט ריכטיג אנטקעגען אייערע פרויען

און זיי וועלען שווייגען, זאָלסט איר ניט דענקען אז זיי פאַר־שטעהן דאָס ניט, אָדער זיי אַרט דאָס ניט, אָדער זיי פאַר־געסען, ווייל פרויען קאָנען א סך ליידען און שווייגען, איר וועט אָבער ווען עס איז טייער באַצאָלען דערפאַר.

128

טעכטער מיינע,

א פרוי וואָס וויל אָפּגעווינען דעם מאַן פון שלעכטע וועגען מיט בייזען, מיט געשרייען און סטראשונקעס, איז פונקט ווי איינער וויל לעשען א פייער מיט נאַפּט.

129

קינדער מיינע,

ווען איר זעט, אז א מאַן גייט באַלד נאָך זיין פרוי׳ס טויט ווידער חתונה האָבען, זאָלט איר זיך פריהער גוט באַקאָנען מיט זיין לאַגע, איידער איר וועט אים באַריידען.

130

איר זאָלט קיינמאָל ניט האָבען קיין קריג מיט אַ פּובליקום,

ווייל ווי איר וועט זיין גערעכט, וועט אלץ טאקע געווינען די מאַיאָריטעט, ניט איר.

131

ווען איינער דערציילט אייך עפּעס פון זיינער א פּערזענליכער זאך, זאָלט איר עס קיינעם ניט דערציילען, סיידען ער האָט אייך געבען א דערלויבניש, אז איר קאָנט עס טאָן.

132

איר זאָלט קיינמאָל ניט זאָרגען איבער א זאַך, וואָס איר דענקט אז עס קען קומען שפּעטער.

אָבער זיין צוגעגרייט צו דעם דאַרפט איר, טאָמער קומט עס.

133

קינדערלאך, א סך קינדער דערוויסען זיך ווי טייער עלטערען זיינען ערשט דאמאָלסט, ווען זיי זיינען שוין לאַנג ניטאָ.

134

איר זאָלט קיינמאָל ניט ארויפצווינגען א שידוך אויף אייערע קינדער.

איר דאַרפט זאָגען זיי אייער מיינונג, אָבער ווייטער זאָל דאָס ניט גיין.

135

איר זאָלט וויסען, אז אין פאַמיליע לעבען איז פאַראַן אזעלכע פאַרבאָרגענע ווינקעלאַך, אז איר וועט קיינמאָל ניט וויסען: פאַרוואָס א פּאָר פאָלק שטימען ניט, פאַרוואָס זיי קריגען זיך, פאַרוואָס האַסען זיי איינער דעם צווייטען, כאָטש דעם זייטי־גען מענשען דוכט זיך, אז זיי האָבען ניט קיינע אורזאַכען ניט צו זיין גליקלאַך.

136

ווען איינער פעהלט, ער זעצט אָן געלט, ער גיט ניט אוועק דאָס, וואָס יעדערן קומט, איז איידער איר גייט אים באַריידען און באַשולדיגען, שטודירט זיין ביאָגראַפּיע, זיין כאראַק־

טער, זיין אַרט לעבען און פיהרען זיך ביז יעצט און וואָס האָט
אים יעצט געבראַכט צו דעם, און דאַמאָלסט קאָן זיין, אז
אנשטאט צו באַריידען און באַשולדיגען אים וועט איר ווערען
איינער פון זיינע סימפּאטייזער און פריינד.

137

יעדער מענש באַשטייט פון אביסעל נאַר, אָביסעל באַרבאַר,
אביסעל חיה, אביסעל היפּאָקריטסוואָ, און אביסעל מענש־
ליכקייט, און די אלע זאַכען זיינען צוגעדעקט געוואָרען מיט
דעם צודעק פון ציוויליזאציע, אָבער איבער פארשיידענע
אורזאכען פאַלט אָפּט אַראָפּ דער צודעק אביסעל, אָדער פון
דעם אָדער פון יענעם, און דאמאָלסט ווייזען די מענשען ארויס
זייער נאַר, אָדער זייער חיה, אָדער דעם באַרבאַר, ביי אנדערע
איז דאָס מער, ביי אַנדערע ווייניגער.

138

קינדערלאך,

צו פארשטעהן דעם ווערט פון געזונט און ווי צו טייער האַלטען

עס ווייסען נאָר יעניגע, וואָס זיינען שוין קראַנק געווען אמאָל.

139

צו פארשטיין די ווערט פון געלט און ווי מען דאַרף ניט פאר־שווענדען אויף אומנוצליכע זאַכען, נאָר אָפּצושפּאָרען אויף „א רעגענדיגען טאָג", ווייסען נאָר יעניגע, וועלכע האָבען יונגערהייט פאַרשווענדעט זייערע געלט אויף אלע אומנויטיגע לוקסוסען, און צו דער עלטער האָבען זיי געדאַרפט אָנקומען צו צדקה.

140

אזוי ווי צו אלע זאַכען, אזוי דאַרף מען צו קינדער אויך מזל האָ־בען. פאַראַן פיינע עלטערען, וואָס ניט קוקענדיג אויף די גוטע דערציהונג, וועלכע זיי האָבען געגעבען די קינדער, זיינען די קינדער דאָך פאַרדאָרבענע, און פאַרקערט, עס איז פאַראַן עלטערען וואָס עס איז זיי ניט מעגלאך געווען צו געבען די קינדער א ריכטיגע דערציהונג, און די קינדער זיינען דאָך

אויפגעוואַקסען אינטעליגענטע, אָנשטענדיגע און אָרענט־לאַכע.

141

שלאָפען א סך איז אפשר א גאַנץ גוטע זאַך פאַר'ן מענשען, אָבער קיין רענט און קיין געז ביל קאָן מען מיט דעם ניט צאָלען.

142

פונקט ווי איינעם ווערט מיאוס דאָס לעבען און אזוי די גאַנצע וועלט, צוליעב א שלעכטען לעבען, און פון צרות, פונקט אזוי דערעסט א מענשען דאָס לעבען מיט דער וועלט פון גרויס לוקסוס, פון צופיל וואוילטאָג, וואָס ער פאַרכאַפּט דעם פאַרגע־ניגען וועלכען א מענש דאַרף האָבען אין משך פון פילע יאָרען, לעבט ער דאָס אָפּ אין א גאַנץ קורצער צייט, און די גאַנצע וועלט ווערט שוין נאָכדעם איבעריג, ווייל יעדע זאַך מוז זיין מיט א מאָס, אפילו פאַרגעניגען.

143

איר זאָלט ניט געהערען צו יענע מענשען, וואָס זיי דוכט זיך שטענדיג: אז זיי פעהלט עפּעס, אז זיי זיינען קראַנק, דער־הויפּט, ווען זיי זעהן אז יענער האָט די קרענק, אָדער זיי לייענען וועגען א קרענק, טאַפּען זיי זיך שוין און באַשליסען, אז זיי האָבען דאָס טאקע, ווייל פון איינריידען זיך אליין קומט טאקע א סך מאָל די קרענק.

144

קינדערלאך,

א קלוגער מאן, ווען אויף אים קומט א צרה, ווי גיכט פאַרלוס־טען און נאָך אזעלכעס, פּאַסט זיך צו, צו דעם, און טוט זיין בעסט צו פאַרריכטען דאָס אויף וויפיל עס איז מעגלאך, און ארויסקריכען פון דעם, אָבער א נאַר ווערט אָן דעם מוט, נעמט זיך פון פאַרדראָס צו טרינקען, אָדער צו גאַמבלען, אָדער ער באַגייט גאָר זעלבסטמאָרד.

145

געלט איז דער היפּנאָטיזם פון דער מענשהייט.

געלט היפּנאָטיזירט אזוי די מענשען, אז זיי ווייסען ניט וואָס זיי טוען, פונקט ווי אַן אומבאַוואוסטע קראַפט פיהרט מיט זיי און זיי קאָנען זיך ניט אנטקעגענשטעלען, ווי איינער וועלכער איז היפּנאָטיזירט געוואָרען.

146

איר זאָלט קיינמאָל ניט זיין זיכער, אז ווען איינער לויפט און שרייט כאַפּט א גנב, אז ער אליין איז טאקע ניט דער גנב.

147

קינדערלאך,

עס איז פאַראַן צייטען אין מענשלאכען לעבען, וואָס אום צו אויפהאַלטען דעם עקזיסטענץ פון זיך מיט דער פאַמיליע, מוז מען דערשטיקען אין זיך די אייגענע זעלבסטווירדע און דעם מענש.

דער קלוגער מענש טויטעט עס אָבער ניט אָפּ אינגאנצען, נאָר ער באַהאַלט עס אויף א ווייל'ע, און ביי דער ערשטער געלעגענהייט לעבט עס ווייטער אויף אין אים.

148

אלע חשבונות, מיספאַרשטענדענישען, וואָס א מאן און פרוי האָבען צווישען זיך, דאַרף עס צווישען זיי בלייבען, ניט ארויסטראָגען אויסער די ווענט פון דער אייגענער הויז, אויך די אייגענע קינדער זאָלען קיין שום חשד ניט האָבען וועגען אזעלכע זאַכען.

149

איר זאָלט קיינמאָל ניט מבטל זיין און מאַכען צו „קליין געלט" אַזאַ זאַך, וואָס דער צווייטער האָט פון דעם גרויס התפּעלות, כאָטש גערעכט וועט איר זיין, וויבאַלד נאָר ער טוט אייך מיט דעם קיין שאדען ניט.

150

איר זאָלט קיינמאָל ניט סטאַרען זיך אין געזעלשאַפט צו זיין שאַרפזיניג, וואַרפען זיך מיט וויצען, ווען איר האָט ניט קיין טאַלאַנט דערצו.

151

יעדער מאַן גלייכט אז מען זאָל באוואונדערען זיין פרוי, אָבער ווייטער ווי דאָס זאָל עס ניט געהן.

152

איר זאָלט ניט האָבען א סך פלענער וועגען א זאַך און ניט אויס־פירען איינעם, באַשליסט בעסער איין פלאַן און פירט אים אויס.

153

קינדערלאך, אין יעדען אָרט וואָס א מענש קומט דאַרף ער זיך אויפפירען, ווי מען פירט זיך דאָרט, אין אלע הינזיכטען, אזוי האָבען אונזערע חכמים אונז געלערענט.

154

ווען איר זאָגט איינעם מוסר, איר שטראָפט אים פאַר עפּעס, נוצט אין דעם אביסעל הומאָר, פאַרזיסט עס מיט אַ וויץ, ווי מען גיט אַ קינד א מעדיצין, אויב איר ווילט אז אייערע רייד זאָלען ווירקען.

155

קינדערלאך,

פאַר דער עלטער זאָלט איר נישט ציטערען, אָבער באַזאָרגען זיך צו דער עלטער, דאָס דאַרפט איר נישט פאַרגעסען.

156

טעכטער מיינע,

א קלוגע מיידעל פאַרשטייט גאַנץ גוט, אז פון גוטע מתנות, שיינע רייד און בלומען מיט וועלכע דער בחור באַשיינקט איר, איז נאָך קיין ראיה, אז ער האָט א גוטען כאַראַקטער, אז ער וועט מאַכען א לעבען, און אז זי וועט זיין מיט אים גליקלאַך.

157

קינדער מיינע,

איך זאָלט ניט זיין פון יענע מענשען, וואָס אז זיי ווערען אנ־טוישט אין ליבע, הערשט שוין ביי זיי אויף די זון צו לייכטען, הויבען זיי שוין אָן אינגאַנצען צו זינקען, אָדער באגייען זעלבסטמאָרד.

מענשען מיט א געזונטען שכל, גיבען א מאַך מיט'ן האַנט אויף אזעלכע זאַכען, סטאַרען זיך צו פאַרגעסען עס און הויבען אָן א ניי־לעבען מיט נייע פאַנטאַזיעס.

158

ווען איר באַקאָנט זיך מיט בחורים, אָדער מיט מיידלאך, און איר זייט ניט פאָלקאָם איבערצייגט, אז איר זייט א גלייכע פּאָר, זאָלט איר ניט חתונה האָבען, מיט דער האָפנונג, אז שפּעטער וועט זיך עס אויסגלייכען, ווייל מער ווי נאַראָנים פאַרלאָזען זיך ניט אויף אזעלכע זאַכען, כאָטש עס טרעפט א סך מאָל, אז עס גיט זיך יע איין.

159

זיהן מיינע,

ווען איר קומט אהיים פון דער ארבייט פאַרנאַכט, ניט קוקענ־דיג וואָס פאר אַן אומאנגענעמליכקייטען איר האָט געהאַט ביי אייער ארבייט, אָדער אין אייער געשעפט, זאָלט איר אריינ־גיין אין הויז מיט א שמייכעל, אז אייער פרוי און קינדער זאָל ווערען פריילאך אויפ'ן האַרצען ווען זיי באַגעגענען אייך.

160

קינדערלאך,

איר זאָלט קיינמאָל ניט ווערען אנטוישט אין אייער לעבען, און זאָלט האָפען אויף בעסערע צייטען, ווייל איר ווייסט ניט וואָס דער צופאַל קאָן ברענגען.

161

עס איז פאַראַן פיל בחורים און מיידלאך, וועלכע האָבען יונגערהייט געהאַט א געליבטע אָדער א געליבטען, און ווען דער שיקזאַל האָט זיי פאַנאַנדערגעשיידעט זיינען זיי געבליבען

בענקען איינער נאָכ'ן צווייטען דעם גאַנצען לעבען, אָבער עס טרעפט גאַנץ אָפט, אז דיזע בענקענדע ליבענדע באגע־גענען זיך א סך יאָרען שפעטער, נאָך אמאָל, איז ביי דעם ערשטען בליק וואָס זיי כאַפּן איינער אויפ'ן צווייטען, ווערען זיי שוין אויסגעהיילט פון דער גאַנצער בענקעניש...

162

קינדערלאך,

אז מען ווערט עלטער דאַרף מען פארשטיין, אז די וועלט פיהרען די יונגע און עס איז קיינע נוצען צו דערבאַטירען מיט זיי, עס איז א צייט פון פראָגרעס און די אַלטע קאָנען ניט נאָכ־לויפען די יונגע, און זיי דאַרפען זיין צופרידען, אז די יונגע לאָזען זיי צורוה.

163

עס קאָן ניט זיין קיין פרידען אין אַ פאַמיליע צווישען מאַן און פרוי, ווען זיי זיינען ביידע ניט נאָכגעביג און איינגעשפאַרט,

און אויב אזא פּאָר פאָלק קאָנען זייער נאַטור ניט איבערמאַכען, וועט שוין זייער לעבען דער טייוועל אליין פאַרגינען זיי.

164

איך זאָלט ניט זיין פון יענע מענשען וועלכע ליבען, אויב זיי זיינען נאָר אליין פריידענקער, אָפּצולאַכען פון יעדען רעלי־גיעזען מענשען, ווייל יעדער מענש האָט אַ רעכט אויף זיינע איבערצייגונגען, און דער וואָס איז מיט אַן אמת רעליגיעז, אָהן הינטערפיסלאך, אָהן היפּאָקריטסווע, איז ווערט דעם גרעס־טען רעספּעקט פון אלעמען.

165

קינדערלאך,

עס איז פאַראַן צייטען אין מענשענס לעבען, וואָס יעדער מענש ווערט זיך אליין איבעריג און איז גרייט צו באגיין זעלבסטמאָרד, אָבער ניט יעדערער האָט דעם מוט דערצו.

166

זיהן מיינע,

איר זאָלט אלע מאָל פיהרען אייערע געשעפטען אזוי, אז איר זאָלט קאָנען האָבען אלע מאָל אלץ אויף אייער אייגענעם נאָמען, ניט אויף אַ צווייטענס.

167

פאַראַן, קינדערלאך, גאַנץ גוטע דאָקטוירים, וואָס גיבען אייך גוטע עצות, ווי צו היטען דאָס געזונט, אז איר זאָלט ניט קראַנק ווערען, און אליין טוען זיי גראַדע פאַרקערט פון דעם וואָס זיי הייסען א צווייטען טאָן.

און אזוי האָט איר גלאַט קלוגע מענשען, וואָס האָבען פאַר אייך ביי יעדער געלעגענהייט א קלוגע און אַ גאַנץ פראַקטישע עצה ווי צו טאָן, און ביי זיי אליין איז זייער גאַנץ לעבען אויסגע־קערט אויפ'ן לינקען זייט.

168

טעכטער מיינע,

א פרוי דאַרף אונטערגעבען דעם מאַן מוט אין אלע צייטען,

ווייל ביי זעהר פיעלע מענער איז דער קוואַל פון ענערגיע די פרוי, אויב זי פאַרשטייט נאָר ווי צו פיהרען מיט אים.

169

קינדערלאך,

ווען איר ארבייט ביי יענעם, זייט אָרענטלאך, גיט יענעם הונדערט פראָצענט, וואָס אים קומט, און פאָדערט דאָס, וואָס אייך קומט, ווייל אָרענטליכקייט און פלייסיגקייט באַצאָלען זיך אלע מאָל.

170

אַן אלטער בחור, אָדער אַן אלטע מיידעל וועלען אייך אלע מאָל אויפצייגען מיט ראיות, אז עס לוינט זיך ניט חתונה צו האָבען און זיי וועלען קיינמאָל ניט חתונה האָבען, אָבער פונ־דעסטוועגען ביי דער ערשטער געלעגענהייט, וואָס זיי וועלען נאָר האָבען, וועט איר שוין זעהן, זיי געהן פון שטאָדט פאַר־וואַלטונגס געביידע מיט מערידוש לייסענס אין די הענט.

171

איר זאָלט קיינמאָל ניט מאַכען קיין געשעפט מיט דעם גע־דאנק, אז יענער זאָל פאַר אייך פיהרען עס, אויב איר אליין קאָנט ניט נעמען אנטייל אין דעם, ווייל איר זאָלט וויסען אז מיט פרעמדע הענט איז גוט מער ניט ווי די אַשעס פון אויווען ארויסצושאַרען, סיידען די קאָנדיציעס זיינען אזעלכע, אז איר זייט הונדערט פראָצענט זיכער, אז אלעס וועט זיין אין אָרדנונג.

172

אז איר זעט א פאַר פאָלק, וואָס קריגען זיך שטענדיג, איז נאָך קיין ראיה, אז זיי ליבען זיך ניט, פאַרקערט, ביי אנדערע יונגע פאָרלאַך איז דאָס אַ טייל פון דער ליבע, אלע ווייל צוקריגען זיך און אלע ווייל צוריק גוט ווערען, עס איז זיי זיסער דאס לעבען אויף אזא אופן. עס טרעפט גראַדע פאַרקערט, אין הויז איז שטיל, ווייל מאַן און פרוי האַסען איינער דעם צוויי־טען און מען רעדט ניט צווישען זיך מאָנאַטען לאַנג.

173

איר זאָלט וויסען, אז מען פיהלט עפּעס ניט מיט אלעמען, דאַרף מען זיך גלייך ווענדען צו א דאָקטאָר, ניט פאַרלאָזען זיך אויף רפואות און עצות פון פריינט און אויף באַבסקי סגולות און דורכדעם פאַרנאַכלעסיגען די ריכטיגע רפואה, וואָס א דאָקטאָר וואָלט געגעבען, צו פארהיטען, אז עס זאָל זיך מער ניט אנטוויקלען די מחלה.

174

קינדערלאך,

א נאַר איז אפילו שלעכט פאַר אַ פריינט צו האָבען, ווייל ער קאָן מיט זיין נאַרישקייט אָנטאָן אייך צרות, מער ווי אייערע שונאים, כאָטש ער מיינט אייך ניט צו טאָן שלעכטס.

175

איר זאָלט ניט געהערען צו יענע מענשען, וועלכע האָבען ליב שטענדיג צו זאָגען פאַרקערט פון דעם צווייטענס מיינונג, ווייל אויב יענער זאָגט אזוי, דאַרפען זיי זאָגען אנדערש.

176

א מאַן און אַ פרוי דאַרפען זיך היטען ווי פאַר פייער, נישט צו רעדען עפעס ניט פאַסיגע ווערטער איינער אויפ'ן צווייטען ווען די קינדער זיינען אין הויז.

177

זיהן מיינע,

איר זאָלט וויסען, אז די נאַטור פון מענשען קאָן מען ניט איבערמאַכען, און א פרוי האָט מער רעספעקט פאר אַ מאַן וואָס פארדינט און מאַכט אַ לעבען.

178

איר זאָלט קיינמאָל ניט אַוועקוואַרפען אייער געשעפט, וואָס איר מאַכט פון דעם א לעבען, פאַר א חלום, וואָס איר זייט ניט הונדערט פראָצענט זיכער, אז דאָס וועט זיין אַן ערפאָלג און עס לוינט זיך אייך אוועקצוואוואַרפען אייער איצטיגען געשעפט.

179

אז מען אדווערטייזט א לעקטאָר און מען באַצאָלט אים גוט פאַר זיין לעקציע, איז נאָך קיין ראיה ניט, אז ער האָט עפּעס וואָס עס איז געזאָגט און אז זי איז עפּעס ווערט געווען.

180

קינדערלאך,

אריינקריכען אין א צרה, אָדער אין א קרענק, אָדער אין טורמע איז זייער גרינג, דאָס קאָן יעדערער, אָט ארויסקריכען פון דיזע זאַכען אין שוין שווער.

181

דריי זאַכען ווייסט א מענש ניט דעם ווערט, ווען ער האָט זיי, און דערוויסט זיך ערשט, ווען ער ווערט זיי אָן, און דאָס זיינען: עלטערען, געזונט, און געלט.

182

איר זאָלט ניט זיין פון יענע מענשען, וועלכע אום צו פאַרדי־

נען געלט, שטעלען זיי דאָס לעבען אין סכנות, און האָבען גאנץ אָפט חרטה, און קאָנען ניט פארשטיין, ווי אזוי זיי זיינען געווען אזעלכע גרויסע נאראָנים.

183

איך זאָלט ניט האָבען קיין כעס אויף א מענשען, ווען ער האָט אייך ניט געוואָלט טאָן קיין טובה, סיידען ער האָט געטאָן א רעה.

184

ווען איך ארבייט ביי יענעם, מאַכט זיך פעהיג, טוט אייער בעסט, כאָטש אייך דוכט זיך אז יענער באַמערקט דאָס ניט, ווייל דאָס וועט זיך אייך מיט דער צייט באַצאָלען.

185

פאַראַן מענשען וואָס לעבען אָפּ זייער וועלט אין פאַנטאַזיעס, אלע טרעפונגען און געשעענישען, וואָס עס קומט פאָר אין דעם לעבען פון מענשען, לעבען זיי דאָס איבער אין זייער

פאַנטאַזיע, און דער חוש פון זייער פאַנטאַזיע איז אזוי שטאַרק אנטוויקעלט, אז זיי פאַרגעסען אינגאַנצען, אז זיי לעבען דאָס איבער ניט אין דער ווירקליכקייט. מערסטענס טרעפט דאָס ביי יונגע מענשען, וואָס קאָנען ניט דערגרייכען אין דער וועלט דאָס, וואָס זיי פאַרלאַנגען און וואָס אַנדערע דערגרייכען יע, און ביי עלטערע מענשען, וועלכע וואָלטען וועלען איבערלע־בען נאָכאמאָל די געשעהענישען פון די יונגע יאָרען.

186

קינדערלאך,

אויב איר האָט עפּעס צו באַזאָרגען א זאַך, וואָס איז נוגע צו אייער עקזיסטענץ, זאָלט איר זיך ניט פאַרלאָזען אויף יענעם, נאָר באַזאָרגט עס אליין, וועט איר פאַרשפּאָרען נאָכדעם צו חרטה האָבען.

187

אזוי ווי אַ מענש דאַרף ניט זיין קיין איינגעשפּאַרטער, אזוי דאַרף ער ניט זיין שטענדיג נאָכגעביג, נאָר האָבען אַן אייגענע

מיינונג און זיין גענוג קלוג צו פאַרשטיין, ווען מען דאַרף קעמפען פאר דיזער מיינונג צי ניט, אויב ער וויל אז מענ־שען זאָלען אים ניט האַלטען פאַר א לעמעשקע.

188

ערוואַרטעט ניט קיין סך פון אייערע פריינט, קרובים און אפילו קינדער, וועט אייך ניט אויסקומען צו ווערען אנטוישט.

189

קינדערלאך,
דאָס גאַנץ לעבען איז א קאמף, דער וואָס גיט אים ניט אויף, דער געווינט.

190

א מאַן וואָס האָט חתונה גלייך נאָך זיין ווייב'ס טויט, איז נאָך קיין ראיה, אז ער האָט זי ניט געליבט, און אז ער איז איר ניט געווען איבערגעגעבען.

191

טעכטער מיינע,

איר זאָלט וויסען, אז אַ בחור גייט אום מיט א מיידעל און ער־קלערט זיך ניט אין ליבע, איז קיין ראיה, אז ער ליבט זי ניט, עס פעהלט אים פשוט פּראַקטיקע און קוראַזש, ווי אָנצוהויבען, דאַמאָלסט מוז די מיידעל אים אין דעם ארויסהעלפען.

192

קינדער מיינע,

איר זאָלט קיינמאָל ניט זיין אין כעס אויף אַ מענשען, ווען ער האָט אייך געזאָגט עפּעס א ניט פּאַסיגען וואָרט, אין דער צייט וואָס ער איז פון עפּעס געווען נערוועז, אין כעס.

193

איר זאָלט וויסען, אז דער שפּריכוואָרט „ליבע איז שטאַרק ווי דער טויט" איז דאָס הונדערט פּראָצענט ריכטיג, ווייל ביי יונגע אומפּראַקטישע קינדער, וועלכע זיינען אויפריכטיג

פאַרליבט איינער אין צווייטען, איז דער טויט א שפּיל אין פארגלייך מיט זייער הימעלשער פאַנטאַזיע פון ליבע, וועלכע זאָל דורך עפּעס געשטערט ווערען, און אזוי טרעפט אפילו ביי פראַקטישע, גרויסע מענשען דאָס זעלבע.

194

איר זאָלט ניט געהערען צו יענע מענשען, וועלכע האָבען ליב צו מגזם זיין א זאַך, ווען זיי דערציילען עפּעס, אין א גרעסערער אָדער א קלענערער מאָס, נאָר איר זאָלט זיך געוואוינען צו דערציילען אַ זאַך אקוראַט ווי דאָס איז, אויב איר ווילט, אז מענ־שען זאָלען לייגען אלע מאָל געוויכט אויף אייערע רייד.

195

עס טרעפט גאַנץ אָפט, אז דער גנב, וועלכען מען באשטראָפט פאַר גנבה איז פיל אָרענטלאכער און פיל לייטישער ווי דער מאַן ביי וועמען ער האָט גע׳גנב׳עט, וועלכער איז א סך א גרעסערער גנב פאר אים, נאָר דעם האָט מען געכאַפּט און

יענעם קאָן מען ניט כאַפּען, אָדער מען קאָן, אָבער מען וויל ניט.

196

א מענש דאַרף זיך ניט אָפּזאָגען קיינמאָל אויסצולערנען זיך עפּעס אַ פאַך, פון וואָס מען קאָן מאַכען א לעבען, אָדער די קינדער לערנען דיזען פאַך, אוים מורא, ווייל יענער מאַכט ניט פון דעם קיין לעבען, ווייל יעדער מענש האָט זיין מזל און אויב יענער האָט ניט קיין ערפאָלג, איז קיין ראיה, אז דער צווייטער וועט אויך זיין אזוי.

197

איר זאָלט זיך קיינמאָל ניט באַרימען מיט אייערע קינדער און מיט זייערע גוטע מעלות פאַר אזעלכע מענשען, וועלכע האָבען קיין קינדער ניט, זיי מעגען זיך זיין אייערע בעסטע פריינט, סיידען איר זייט פאָלקאָם זיכער אז איר פאַרשאַפט זיי גרויס פאַרגעניגען מיט דעם.

198

א סך מענשען האלטען פון דעם כלל, אז א מענשען דערקענט מען אויפ'ן פנים, דאָס איז אָבער דורכאויס ניט ריכטיג. איר באַגעגענט מענשען וואָס זייער פנים איז אומגעלומפערט, נאַריש, און ווען איר וועט זיך מיט זיי פאַנאַנדעררעדען, וועט איר זיך איבערצייגען, אז זיי זיינען געבילדעט, אינטעליגענט. און פאַרקערט באַגעגענט איר מענשען וואָס זיי ווייזען אויס אויפ'ן פנים וואַזשנע, אָנשטענדיגע, געבילדעטע מענשען, און זיינען גאָר די פסולת פון דער מענשהייט.

199

טעכטער מיינע,

אז א פרוי זעהט דאָס דער מאַן איז צו איר פאַלש, איז דער איינציגער וועג צו פאַרריכטען דאָס מיט גוטען, מיט טאַקט און מיט שכל, ניט זיין נאַריש, היציג און נערוועז.

200

קינדערלאך,

זייט פריינטליך צו יעדערען, רעדט פיין מיט יעדערען, באַגייט

זיך מיט יעדערען ספּאָרטיש. און ווען איר דערבאַטירט מיט עמיצען, דערבאַטירט מיט טאַקט, כאָטש איר זייט מיט יענעם ניט איינשטימיג.

201

אז א מאַן זאָגט אייך עפּעס א געדאַנק, אָדער לייגט אייך עפּעס פאָר אין געשעפט, וואָס ביי אייך קומט עס גראַדע נישט אויס, זאָלט איר דאָס ניט אָננעמען בלינד, דערפאַר ווייל איר ווייסט אז יענער איז אַ קלוגער און פאַרשטייט מער פאַר אייך.

ווייל גאַנץ אָפט האָבען די קליגסטע מענשען, נאַרישע פאַנטאַזיעס, לעבערלאכע, קרומע פּראָיעקטען, וועלכע יעדער איינער זעהט אז עס איז נאַריש, נאָר זיי, אָט די קלוגע, זעהן דאָס גראַדע נישט.

202

עס איז פאַראַן פיל זאַכען אויף דער וועלט, וואָס אויסלערנען

קאָן מען זיך דאָס ניט, נאָר מען מוז צו דעם האַבען געבאָרע־נעם טאַלאַנט און זיין פייהיג דערצו.

203

איר זאָלט ניט געהערען צו יענע מענשען, וואָס ווען זיי קומען אין געסט ווילען זיי ניט אוועקגיין, דערפאַר, ווייל יענער האָט געדולד און ווייזט זיי ניט דעם זייגער ווי שפּעט עס איז שוין, אָדער ווי לאַנג זיי זיצען שוין, ווייל וואָס וויניגער איר וועט דערעסען אייערע פריינט מיט אייערע וויזיטען, אַלץ טייערער וועט איר ביי זיי זיין, ווי דער קלוגער קעניג שלמה האָט אונז געלערענט.

204

קינדערלאך,

געוואָר ווערען אַ קראַנקען איז איינע פון די נאָבעלסטע זאַכען, וואָס א מענש קאָן טאָן אין זיין לעבען, אָבער דאָס מיינט ניט, מאַכען אים אומאנגענעם פון צופיל זיצען און דערציילען אים

פאַרשידענע מעשות, וואָס אַ קראַנקער האָט ניט קיין געדולד צו הערן, אין דער צייט וואָס עס קאָן זיין אז איר זייט בכלל דאמאָלסט איבעריג ביי אים אין חדר.

205

איר זאָלט קיינמאָל ניט זשאַלעווען געבען אַנערקענונג צו די, וואָס האָבען עס פאַרדינט.

206

איר זאָלט בעסער עסען א שטיקל טרוקן ברויט אייער אייגענעם, איידער די בעסטע זאַכען, און איר זאָלט דאַרפען פאַרנעמען ביי יענעם.

207

איר זאָלט ניט דאגה'נען פאַר מאָרגען. איר זאָלט זיך אָבער באַוואָרענען צו מאָרגען.

208

אויב דאָס לעבען ברענגט, אז איר דארפט אָנקומען צו א מאַן,

וואָס איז מאָראַליש פיל נידעריגער פון אייך, דאַרף מען זיך ניט שעמען און בויגען זיך צו אים, ווייל ווי זאָגט א פאָלקס וואָרט „ וועסט זיך ניט איינבויגען צו דער בהמה, וועסטו קיין מילך ניט האָבען".

209

קינדערלאך.

ווען א מענש קומט אין די עלטערע יאָרען און ווייס שוין, אז זיינע טעג זיינען געציילטע, דאַרף ער קיין נאַר ניט זיין און ווינסען אז מיט זיך וועט ער גאָר נישט נעמען „אַהינצו", ער דאַרף העלפען אָרעמע און געבען צדקה, און ניט איבערלאָזען אלץ די קינדער אָדער גאָר פרעמדע מענשען.

210

איר זאָלט זיך דערווייטערען פון אזעלכע מענשען וואָס וואו דער ווינט בלאָזט, אַהינצו געהען זיי, און וואו עס פאַסט זיי בעסער. קיין שטאַרקע, אָרענטלאכע אייגענע מיינונג האָבען

זיי ניט, נאָר וואו עס לוינט זיי בעסער אַהינצו געהט זייער מיינונג.

211

איך זאָלט וויסען אז א פרוי אָהן קאָמפּלימענטען און אָהן צערטליכקייט, איז ווי א בלום אָהן טוי, זי הויבט אָן צו פאַר-וועלקען.

212

קינדערלאך.

איך זאָלט זיך איינגעוואוינען אין אייער לעבען מער טאָן און ווייניגער פאַנטאַזירען, וואָס מער ארבייט און ווייניגער פלאַ-נעווען, אלץ מער ערפאָלג וועט איך מאַכען אין לעבען.

213

א מענש קאָן האָבען א סך פריינט, א געטרייע פרוי, גוטע קינדער, אויב אָבער ער באַזאָרגט זיך ניט צו דער עלטער,

בלייבט ער דאמאָלט עלענד, אליין, און אפילו זיין אייגענע פאַמיליע סימפּאַטיזירט ניט מיט אים.

214

עס איז פאַראַן מענשען פאַרשאָלטענע פון טייוועל, זיי פאַר־ברענגען זייערע טעג און נעכט אין יאָגען זיך צו מאַכען געלט, כאָטש זיי האָבען שוין אזוי פיל געלט, אז זיי וואָלטען געקאָנט לעבען רוהיג הונדערטער יאָרען, און האָבען קיינמאָל ניט קיין פאַרגעניגען אין לעבען פון זייער געלט, און אזוי שטאַרבען זיי ווי קבצנים און נאָכדעם קומען אנדערע און פאַרשווענדען זייערע געלט.

215

איר זאָלט פון קיינעם ניט נעמען קיין מתנות, און פון קיינעם קיין הנאה נישט האָבען, סיידען איר זייט איבערצייגט, אז ער האָט די מעגליכקייט און גיט דאָס אייך מיט אַן אמת'ן האַרץ.

216

קינדערלאך.

אז עס קומט די צייט פון אַ מענשען אוועקצוגיין פון דער וועלט, זאָל ער איין קינד ניט געבען מער ירושה איידער דעם צווייטען.

217

איר זאָלט וויסען, אז פרידען צווישען מאַן און פרוי, מזל ברכה, און ערפאָלג אין לעבען זיינען דריי שותפים.

218

איר זאָלט אלע מאָל געדענקען, אז אויף וועלכען וועג א מענש הויבט אָן צו גיין זיין לעבען, אויף דיזען וועג העלפט מען אים, גייט ער אויף דעם גוטען וועג, העלפט אים א מלאך, און אויב ער גייט אויף דעם שלעכטען וועג, העלפט אים דער טייוועל.

219

איר זאָלט געדענקען, אז אזוי ווי איר וועט „באַהאַנדלען" דעם

צווייטען, אזוי וועט מען אייך „באַהאַנדלען”, ווייל דאָס לעבען איז ווי א שפּיגעל, וואָס פאַר אַ פּנים איר ווייזט אין שפּיגעל, אַזאַ פּנים ווייזט אויך דער שפּיגעל צוריק, כאָטש עס איז דאָ אויסנאַמען אויך.

220

קינדערלאך.

אויב קרובים, אָדער פריינט זיינען באַגאַנגען אנטקעגען אייך אַן עולה און קומען בעטען ביי אייך נאָכדעם א טובה, וואָס איז אייך מעגלאך צו טאָן, זאָלט איר עס גלייך טאָן, ניט דער־מאָנענדיג זיי וועגען קיין זאַך.

221

איר זאָלט אָפּשאַצען ריכטיג די טאַלאַנטן פון אייערע יונגע קינדער און לערנען זיי דאָס, צו וואָס זיי זיינען פעהיג.

ניט מיינען, ווי א סך עלטערען, אז זייערע קינדער זיינען גאונים און האָבען טאַלאַנט צו אלעס אין דער וועלט.

222

צי מען איז רעליגיעז, צי מען איז א פריידענקער, צי איר גע־הערט צו דער פארטיי צי צו אַן אַנדערער, זאָלט איר אַלע מאָל רעספּעקטירען דעם צווייטענס מיינונג, דעם צווייטענס איבער־צייגונג, און פאַרשטיין, אז יענער האָט רעכט אויף זיינע איבערצייגונגען, אויף זיינע מיינונגען פונקט ווי איר אויף אייערע.

223

איר זאָלט אַלע מאָל זיין גוטע בירגער, היטען די געזעצען פון לאַנד, טאָן אייער בעסט פאר דער לאַנד, וואו איר זייט בירגער, און נעמען א טיכטיגען אַנטייל אין אַלע געזעלשאַפט־ליכע טעטיגקייטען.

224

קינדערלאך.

איר זאָלט ניט מאַכען קיין פרנסה פון אַזאַ זאַך, וואָס איז נאָכ'ן געזעץ פאַרבאָטען און איר זאָלט זיך ניט קאָמפּאָנירען

מיט אזעלכע, און ניט וועלען הנאה האָבען פון זייערע גליקען מיט וועלכע זיי באַרימען זיך.

225

זיהן מיינע,

ווען איר קומט אהיים פון אייערע געשעפטען, אָדער פון דער ארבייט, מאַכט פריילאך אין הויז, איר זאָלט ניט קומען מיט אַן אומעטיג פּנים און איינגראָבען עס אין ציימונג.

226

קינדערלאך,

אין אייער לעבען וועט איר אויסגעפינען, אז עס איז פאַראַן מענשען וואָס זיינען זעהר פּאָפּולער און רעכענען זיך פאַר גרויסע מענשען, נאָר ווען איר וועט זיך מיט זיי באַקאָנען, וועט איר אויסגעפינען, אז אָט די מענשען מיט וועלכע עס קלינגט אַ וועלט, האָבען אין זיך קליינינקע, פאַרדאָרבענע נשמות.

227

א מענש דאַרף האָבען מזל צום טויט, פּונקט ווי צום לעבען,

איינעם קומט אָן דער טויט זייער גרינג, גאָר אָהן נאָטים, און אַ צווייטער מאַטערט זיך מאָנאַטען און יאָרן, ביז וואַנען דער טויט באַפרייט אים פון זיינע ליידען.

228

קינדערלאך,

זוכט קיינמאָל ניט נקמה צו נעמען פון יענעם, אויב יענער האָט אייך געטאָן עפּעס שלעכטס, פארגעסט אויף דעם.

229

דאָס לעבען איז, ווי יעדער מענש באַטראַכט אים, נאָך זיין בליק אויפ'ן לעבען, זיין טעמפּעראַמענט און כאַראַקטער.
איינער האָט אין נאַטור א פריילִיכע, צופרידענע נשמה און די גאַנצע וועלט ווייזט אים אויס ווי א גן עדן מיט שמעקענדיגע בלומען און גוטע פרוכטען, וואו עס ווילט זיך שטענדיג טאַנצען און לוסטיג זיין. און ביי אַ צווייטען איז די גאַנצע וועלט א יאָמער טאָל, א ים פון צרות, וואו מען דאַרף טאָג און נאַכט זיצען און קלאָגען.

230

עס זיינען פאַראַן פראָסטע מענשען, וועלכע זיינען גאָר ניט געלערענט, אָבער זיי זיינען אזוי קלוג און האָבען אזוי פיל פראַקטיקע אין לעבען, אז איר קאָנט פון זיי לערנען פיל מער, ווי פון די גרעסטע פראָפעסאָרען.

231

אויב איר ווילט נישט זיין גענאַרט אין לעבען, באַזוכט אָפט אַ מושב זקנים, און רעדט מיט די אלטע לייט, פאַראינטערעסירט זיך מיט זייערע ביאָגראפיעס, מיט זייער גאַנץ לעבען ביז יעצט, אין זייער איצטיגען צושטאַנד, וועט איר דאמאָלסט זעהן דעם גאַנצען לעבען אזוי ווי אין א שפיגעל.

232

איך זאָלט גערענקען, אז דעבאַטירען וועגען רעליגיע איז נאַריש און אומזיסט, ווייל אויף דעם וועמען דאָס האַרץ ציט צו רעליגיע און איז א גלויביגער, וועלען אייערע רייד קיין ווירקונג

האָבען, און דער וואָס איז א פריידענקער און ער גלויבט ניט אין רעליגיע, וועט איר אים מיט קיינע ארגומענטען ניט איבערמאַכען.

233

טעכטער מיינע,

איר זאָלט וויסען, אז זעהר פיל פאַרזעסענע מיידלאך האָבען עס צו פאַרדאַנקען דערצו, וואָס זיי האָבען געהאַט דאָס גליק צו האָבען יונגערהייט ערפאָלג ביי „באָיעס", און א סך אינגלאך זיינען נאָך זיי „נאָכגעלאָפען".

234

קינדערלאך,

איר זאָלט אלע מאָל זעהן, אז אייערע פאַמיליעס זאָלען ניט מורא האָבען פאר אייך, נאָר זאָלען אייך רעספּעקטירען און ליב האָבען, ווייל קינדער וואָס עלטערען האַלטען זיי אין מורא קאָנען קיין גרויסע ליבע ניט האָבען נאָכדעם צו די עלטע־רען, ווען זיי וואַקסען אויס.

235

טעכטער מיינע,

איר זאָלט וויסען, אז א פרוי דאַרף ביי יעדער געלעגענהייט אונטערגעבען דעם מאַן מוט, שטאַרקען אים מיט האָפענונג, געבען אים קוראַזש, און נאָר אויף דיזען אופן קאָן אַ פאַמיליע האָפען אריבערצוטראָגען אלע שווערינקייטען וואָס דאָס לעבען האָט אין זיך.

236

זיהן מיינע,

איר זאָלט וויסען אז א קלוגער און פראַקטישער בחור וויים, אז מיט ליבע קאָן מען קיין רענט ניט צאָלען. דערפאַר געהט ער ניט חתונה האָבען, ביז וואנען ער איז זיכער, אז ער וועט קאָנען א לעבען מאַכען.

237

איר זאָלט וויסען, קינדערלאך, אז מיט ארגומענטען קאָן מען קיין „שלום בית" ניט האָבען, נאָר פרידען אין פאַמיליע קאָן

זיין דאַמאָלסט, ווען מאַן און פרוי מיידען אויס די ארגומענטען, ווער איז גערעכט און ווער איז אומגערעכט, נאָר מאַכען אָפּ אַ פעסטען באַשלוס צו לעבען אין פרידען און יעדערער זאָל זיינע אריבערלאָזען, אמאָל איינער, אמאָל דער צווייטער, דערהויפּט א מאַן וועלכער איז דער קאַפּיטאַן פון דער פאַמיליע, און דאַרף זיין געניג קלוג צו קירעווען די שיף פון דער פאַמיליע צו אַ פרידלאכן, גליקלאַכן לעבען.

238

א מענש דאַרף אלעמאָל געדענקען זיין אָרט, ווען ער זיצט צווישען א העכערען קלאַס מענשען, וועלכע זיינען מער געבילדעט, מער ציוויליזירט, מער געזעלשאַפטלאך, און זיי דולדען אים, באַציען זיך צו אים ווי צו זייער גלייכען מיט רעספּעקט, דאַרף ער אָבער ניט פאַרגעסען וואו ער געפינט זיך און ניט קאַליע מאַכען די אַטמאָספערע מיט ניט טאַקטישע, אָדער לעכערלאכע ארויסטרעטונגען.

239

די געזעלשאַפט פון יעדער מענשען באַשטייט פון:

1) באַקאַנטע, אזעלכע וואָס די גאַנצע פריינדשאַפט באַ־שטייט אין דעם פון זאָגען גוט מאָרגען, ווען מען באַגעגענט זיך און גאָר.

2) פריינט, וועלכע האָבען ניט קיין אורזאַכע צו זעהן אויף אייך שלעכטס, און אזוי זיינען זיי ניט פאַראינטערעסירט מיט לייב און לעבען אייך זאָל זיין זעהר גוט, פון זייערטוועגען קאָנט איר זיין גליקלאך, אויב ניט, וועלען זיי זיך דאָס האַרץ שטאַרק ניט אָפּעסן.

3) פריינט, וועלכע ווילען אייך זאָל זיין גוט, אז ניט וועלן זיי אייך העלפען אייך צו מאַכען גוט מיט וואָס זיי וועלן קאָ־נען, נאָר ביז'ן קעשענע, דאָ בלייבט שוין זייער פריינטשאַפט שטעהן.

4) פריינט, וועלכע וועלען אייך העלפען מיט זייער טרחה,

מיט זייער צייט און מיט זייער געלט, דיזע הייסען אמת'ע גוטע פריינט.

5) קרובים, אייגענע בלוט. 1) קרובים אזעלכע, וואָס זיי פאַרגינען אייך אלץ, פון זייערטוועגן קאָנט איר זיין גליקלאך, און ווען עס איז נויטיג וועלן זיי אייך העלפען מיט וואָס זיי וועלן קאָנען, ווי א קרוב פון איין משפחה, נאָר ביז'ן קעשענע, אז עס קומט צו דער קעשענע איז אויס קרוב. 2) קרובים, ביי וועלכע עס איז קיין אָפּהאַלט ניט פאַראַן, סיי מיט'ן געזונט און סיי מיט געלט, צו העלפען זייערע אייגענע.

240

קינדערלאך, צייט און נאַטור זיינען די בעסטע דאָקטוירים, זיי פאַרהיילען אלע וואונדען.

241

יושר און רחמנות, קינדערלאך, זיינען די בעסטע מתנות וואָס א מענש האָט, אָבער עס קומען אויך א סך אומגליקען פון דעם

וואָס מען באַהאַנדעלט מיט דעם אין אַ סך פאַלען, וועלכע וואָלט פיל בעסער געווען ווען מען זאָל די מידה פון רחמנות און יושר צו דעם ניט אָנווענדען, נאָר די שטרענגסטע מאָס פון געזעץ.

242

איר זאָלט ניט זיין פון יענע מענשען, וועלכע זיינען צוויי פּנים׳־דיגע, זיי ריידען מיט אייך אזוי און אין הארצען קלערן זיי אנ־דערש, ווייזען זיך אויס פאַר אייער פריינט און זיינען גאָר אייך שונאים, אין די אויגען גיבען זיי אייך אָפּ כבוד, און הינטער די אויגען מאַכען זיי פון אייך חוזק.

243

טעכטער מיינע, ווען אַ מאַן קומט אהיים פון דער ארבייט אָדער פון געשעפט, דאַרף די פרוי אים ניט נעמען אויספרעגען גלייך וועגען די פּאַסירונגען פון טאָג ווי א דעטעקטיוו, כאָטש זי איז נייגעריג צו וויסען וואָס מיט אים האָט פּאַסירט אין דעם משך

פון טאָג, ווייל מיט דיזען וועג וועט זי גראַדע קיינמאָל ניט דערגרייכען דאָס וואָס זי וויל. און א קלוגע פרוי וויים שוין וואָס זי האָט צו טאָן, ווען זי וויל אויספירען איר פאַרלאַנג.

244

ווען איר טוט יענעם אַ טובה, צי אין געלט זאַכען, צי אין עפּעס אַנדערש, סטאַרעט זיך מיט אַלע מיטלען, ער זאָל זיך ניט פיהלען אומבאַקוועם. איר דאַרפט אים מאַכען פיהלען גוט, פונקט ווי איר האָט פון אים די טובה, ניט ער פון אייך.

245

קינדערלאך, אַלע מענשען זיינען נאראָנים, זיי דוכט זיך, אז זיי וועלן אייביג לעבן, און טוען ניט אזויפיל גוטע זאַכען אין זייער לעבען וויפיל זיי האָבען געדאַרפט טאָן, אָבער איר, קינדערלאך, זאָלט אזוי ניט זיין, איר זאָלט לעבען פאר אייערע מיטמענשען אזוי, ווי איר לעבט פאַר זיך אליין.

246

סיי דער מאַן און סיי די פרוי דאַרף וויסען, אז צו פריער, צו שפעטער וועט איינער דערוויסען דעם צווייטענס סודות, ווייל הימעל און ערד האָבען געשוואָרען, אז קיינע פאַרבאָרגענע זאַכען זאָלען זיך לאַנג ניט אָנהאַלטען אין פאַמיליע לעבען.

247

וואָס מער די קינדער ווערען עלטער סטאַרען זיך די עלטערען צו פאַרדעקען פון לייט זייערע פעהלערען, און וואָס מער די עלטערען ווערען עלטער, דערציילען אלץ מער די קינדער פאַר לייט זייערע פעהלערען.

248

קינדערלאַך, ליבע איז זייער אַ הייליגע זאַך, זי איז אָבער אויך אַ גוטע באַשיצונג פאַר א סך לומפען און מערדער, זיי זאָלן ניט דאַרפען אָפפינסטערען זייער לעבען אין טורמע הינטער די גראַטעס, מאָטיווירענדיג זייער מערדערישע ארבייט אויפ׳ן

גרונט פון ליבע, וואָס מען האָט זיי פון דעם געוואָלט באַ־
רויבען.

249

קינדערלאך, ווען איר טוט א נאַרישקייט, א פעהלער, איר
זייט אין עפּעס דורכגעפאַלען, סטאַרעט זיך ניט ארויפצוואַ־
רפען די שולד אויף א צווייטען, אז יענער איז דער שולדי־
גער ניט איר, ווי עס איז אלעמאָל די מענשלאכע נאַטור,
אַ פיינער מאַן גיט צו, אז ער איז אריבערגעפאַלען און גאָר,
ווייל א מענש איז ניט קיין מלאך.

250

איר זאָלט קיינמאָל ניט ארויסטראָגען אייער אורטייל און
אייער מיינונג וועגען א מאַן, וואָס ווייס ניט ווי צו האַלטען זיך
אין אַ געזעלשאַפט און איז ניט אינטערעסאַנט אין זיין ריידען,
ביז וואַנען איר וועט מיט אים ניט פאַרברענגען פּריוואַט צווי־
שען זיך, ווייל דאמאָלסט קאָן זיין, אז איר וועט האָבען גאָר

אַן אנדער מיינונג וועגען דיזען מענשען. עס טרעפט אָפט, אז די קלוגסטע מענשען מיט וועלכע עס איז זייער אנ־גענעם צו פאַרברענגען, ווייזען אָבער אין געזעלשאַפט אויס זייער נאַריש און אומגעלומפערט, ווייל זיי קומט אויס צו זיין ווייניג אין געזעלשאַפט.

251

טעכטער מיינע, איר זאָלט קיינמאָל ניט מקנא זיין די פרויען פון באַרימטע מענשען, ווייל אז איר וועט רעדען מיט זיי, וועלן זיי אייך זאָגען דאָס קיין גרעסערער אומגליק איז ניט פאַראַן, ווי זיין א פרוי פון א באַרימטען מענשען, און פארוואָס, וועט אייך יעדע פרוי זאָגען באַזונדערע אורזאַכען, אָבער אין דעם זיינען מערסטענטייל אלע איינשטימיג, אז עס איז פון די קליינע גליקען.

252

קינדערלאך, גאנץ אָפט פאַלט אריין אין דער גרוב יענער, וועלכער האָט זי געגראָבען פאר א צווייטען.

253

קינדערלאך, עס איז פאַראַן מענשען מיט פאַרשיידענע כאַ־ראקטערס, עס איז דאָ אזעלכע וואָס אז זיי באַשליסען א זאַך דורכצופירען, וועט פאַר זיי קיין אָפּהאַלט ניט זיין, זיי וועלען אריבערגיין די גרעסטע שוועריגקייטען, איר וועט זיי ניט אָפּהאַלטען מיט קיינע ארגומענטען. דאָס וואָס זיי האָבען באַ־שלאָסען מוזען זיי אויספירען, און פאַראַן אזעלכע וואָס וועלן אלע ווילע באַשליסען אַן אַנדער זאַך און קיינמאָל גאָר נישט דורכפיהרען אין לעבען, ווייל יעדע קליינע שטערונג וואָס זיי באַגעגענען אויפ'ן וועג האַלט זיי צוריק, זיי האָבען א וואַ־סערדיגען כאַראַקטער וואָס האָט אין זיך קיין צעמענט ניט.

254

ליבע אָהן פרנסה איז ווי א קנייטעל אָהן בוימאויל.
ליבע איז געגליכען צו דער זון, זי לייכט און וואַרעמט און שטראַלט אוים צו ביסלאך.

255

איך זאָלט קיינמאָל ניט אָפּלייגען אויף מאָרגן דאָס וואָס איך קאָנט טאָן היינט, ווייל אזוי טוען נאָר פוילענצער.

256

קינדערלאך, פרויען מיינען, אז שיינקייט מיט גליק זיינען נאָענטע מחותנים, די פּראַקטיקע פון לעבען צייגט אונז, אז דאָס איז ניט ריכטיג, ווייל דאָס מזל האַלט ניט פון דעם כלל, ביים מזל און גליק זיינען אלע גלייכע מיוחסים.

257

ווען ליבע און גליק געהן ארום אויף דער וועלט, האָבען זיי ניט קיין באַשטימטען וועג, נאָר זיי גייען זייער וועג בלינדערהייט, און דערפאַר טרעפט איך זיי אין אזעלכע ערטער, וואָס איך וואָלט קיינמאָל ניט גלויבען אז זיי וועלען דאָרטען זיין.

258

א יונג קינד, וואָס עס איז אראָפּ פון וועג, ווער איך עס

מיט מוסר און מיט קלעפּ צוריק ניט אומקערען, איר מוזט געווינען זיין הארץ און זיין צוטרוי מיט גוטען, און דאמאָלסט וועט אייך זיין גרינג ארויפצופיהרען אים אויף א גוטען וועג, ווען ער וועט פילן אז איר זייט אים א חבר און א פריינד.

259

ליבע איז אזוי ווי עלעקטריק, זי ברענגט ליכט און פארגע־ניגען ווען מען וויים ווי צו נוצען איר, זי קאָן אָבער אויך ברענגען דעם טויט, ווען מען וויים ניט ווי ארומצוגיין מיט איר.

260

א פרוי וואָס מיינט אז ליבע קאָן מען נעמען מיט געבעט, מיט קראַפט, מיט סטראשונקעס, וועט זי זיך שפּעטער איבערצייגען, אז זי האָט געהאַט א גרויסען טעות ווען זי האָט אָנגעווענדעט אלע אירע כחות צו קריגען אזא מציאָה ווי ליבע דורך גוואַלד.

261

אויב צווישען א מאַן און אַ פרוי הערשט ניט קיין צוטרוי, און קיין פולער רעספעקט איינער צום צווייטען, איז דאָס גאנצע לעבען ווי מען טראָגט א בגד אויפ'ן לינקען זייט.

262

אז אויף א מענשען קומט א צרה, וואָס העלפען קאָן ער שוין ניט, מוז ער סטאַרען זיך צו פאַרגעסן און סטאַרען זיך צו לעבען ווייטער און טאָן דאָס בעסטע וואָס ער קאָן, ווייל מיט קרעכצען און מיט דאגה'נען וועט ער גאָר נישט העלפען.

263

אין אַ הויז וואו די פרוי שפּילט די ראָליע פון דעם מאַן, וועל־כער איז א לעמעשקע און א צוקראָכענע נשמה, אין אַזאַ טראגיש־לעכערלאכער הויז, גלייכען די שדים צו מאַכען זייערע פיקניקס.

264

קינדערלאך, איר זאָלט ניט ווייזען אין אייער הויז קיין ליב־שאַפט, קיין התקרבות, צו איין קינד מער ווי צו א צווייטען, ווייל דורכדעם קומען ארויס א סך צרות.

265

א מאַן מיט א פרוי וואָס האָבען אָפּגעלעבט צוזאַמען עטלאַכע צעהנדליג יאָר און האַלטען נאָך אלץ אין געדאַנק, אז זיי זיינען פון אָנהייב אָן געווען ניט קיין גלייכע פּאָר און אז אפשר וואָלט געווען די בעסטע זאך, זיי זאָלען זיך גט'ן, ביי אזא פּאָר פאָלק דאַרף מען אונטערזוכען זייער אויבערשטיבעל און דער פּסיכיאטאָר זאָל אויסגעפינען, צי איז ביי זיי דאָרטען א שרייפל ניט אָפּגעדרעהט.

266

קינדערלאך, ווען איר וועט זיין רייך, גליקלאך, וועט ביי אייך אלע טאָג צוקומען מער מיט א פריינט, אָבער אויב אייער

לאַגע וועט זיין ניט קיין געהויבענע, וועט איר שוין האָבען אלע טאָג מיט א פריינט ווינציגער.

267

קינדערלאך, איר זאָלט זיך קיינמאָל ניט ארויסדרייען פון אומ־אנגענעמליכקייטען, דורכדעם וואָס איר וועט ארײנדרייען אין דעם אַן אַנדערען אויף אייער אָרט, ווייל פיינע מענשען טוען דאָס ניט, איר דאַרפט זיך סטאַרען צו ראַטעווען פון דעם, אָבער ניט דורך אַזאַ וועג.

268

איר זאָלט ערגעץ ניט זיין קיין אומגעריכטער גאַסט, ווייל „אַן אומגעריכטער גאַסט איז ערגער ווי א טאָטער", זאָגט א פאָלקס וואָרט. איר דאַרפט לאָזען וויסען יענעם, אז איר קומט צו אים אויף אַ וויזיט.

269

קינדערלאך, אלטקייט וועגדעט זיך אָן דער ענערגיע און

ווילנסקראפט פון דעם מענשען, פאַראַן אַלטע מענשען, וואָס האָבען אַ שטאַרקען ווילנסקראפט און אַ סך ענערגיע, אז זיי קאָנען קאָנקורירען מיט פיל יונגע מענשען און קיינער וועט גאָר ניט דענקען, אז זיי זיינען אזוי אַלט ווי זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט, און עס גיבען גאָר יונגע מענשען, וואָס זייער ענערגיע און ווילנסקראפט איז ביי זיי אָפגעשטאַנען און האַלטען זיך אזוי אָפגעלאָזען, אז איר דענקט, דאָס זיי זיינען שוין זקנים נאָכ'ן אויסזעהן.

270

ווען איר טוט יענעם א טובה, זאָלט איר דאָס קיינמאָל ניט טאָן מיט'ן געדאַנק, יענער זאָל זי אייך צוריק אָפצאָלן, וועט אייך דאמאָלסט ניט אויסקומען צו אנטוישט ווערען.

271

טעכטער מיינע, אז א פרוי איבערצייגט זיך נאך דער חתונה, דאס זי איז „אריינגעפאַלן" און זיי וועלען קיינמאָל ניט

שטימען, קיינמאָל ניט זיין קיין גלייכע פּאָר, און קיינ־
מאָל גליקלאך ניט זיין, דאַרף זי זיין גענוג קלוג צו באַשליסען
איר שיקזאַל איידער זיי ווערען פאַמיליע לייט.

272

איר זאָלט זיך קיינמאָל ניט שרעקען פאַר איבערנאַטירלאכע
זאַכען, מיט וועלכע שווינדלער באַנוצען זיך אויסצונאַרען
געלט פון נאַאיווע מענשען, און זאָלט קיינמאָל ניט גלויי־
בען אין דעם, און אויב עס קומט אייך צום האַנט, סטאַרעט
זיך אַראָפּצורייסען די מאַסקע פון זיי און ציינגען פאַר אלעמען
דעם שווינדל.

273

קינדערלאך, איר זאָלט וויסען אז איינע פון די זאַכען וואָס
האַלט אויף פרידען אין אַ פאַמיליע איז, אז דער מאַן זאָל רעס־
פעקטירען דער פרוי'ס משפחה, און די פרוי זאָל רעספּעקטי־

רען דעם מאנ'ס משפּחה, און אלע צוזאַמען זאָלן זיך האַלטען פריינטלאך אין איין פאַמיליע.

274

איר זאָלט יענעם ניט געבען קיין פאַלשע עצה, כדי אייך זאָל זיין פון דעם א טובה, און די בעסטע זאך, זאָגט יענעם דעם אמת, אז איר קאָנט אים ניט געבען אין דעם קיין עצה, ווייל איר זייט אין דעם פאַראינטערעסירט.

275

קינדערלאך, איר זאָלט ניט האָבען צו טאָן מיט א מאָראליש געזונקענעם מענשען, און קיין טובות פון אים ניט אָננעמען, סיידען אָן דעם הענגט אָפּ אייער עקזיסטענץ.

276

איר זאָלט שעצען אייערע פרויען און באַציהען זיך צו זיי מיט גרויס רעספּעקט, און שטענדיג זיין זייער באַשיצער. אונזערע

חכמים האָבען געזאָגט, אז די ברכה אין אַ הויז קומט פון דער פרוי׳ס וועגן.

277

קינדערלאך, ווען איר פאָרט אַוועק אויף וואַקאַציע, נעמט ניט מיט זיך די דאגות מיט די זאָרגן, אלץ דאַרף זיין פאר אייך אָפּ־געשטאָרבען, איר זאָלט זיך מיט גאָר נישט אינטערעסירן, פונקט ווי איר וואוינט אויפ׳ן שטערן מאַרס, דאַמאָלסט קענט איר האָפען אז אייער וואַקאַציע וועט אייך טאָן גוטס.

278

איר זאָלט קיינמאָל ניט בלייבען אָהן אַן אינשורענס פאָליסי, ווייל אַ מענש איז ניט זיכער וואָס מיט אים קאָן געשען מאָרגן, און זאָל אייער פאַמיליע ניט בלייבען פלוצלונג ווי מענ־שען פון א צובראָכענער שיף אין מיטן ים.

279

אין אלע זאַכען, וואָס אייך וועט פאָרקומען, זאָלט איר אלע־

מאָל אויסקלייבען דעם מיטעלוועג, איר זאָלט קיינמאָל ניט זיין צופיל עקסטרעם, אין קיין זאַך ניט.

280

קינדערלאך, איר זאָלט זיך ניט איינרעדען, אז איר וועט זיין שטענדיג אין דער געזעלשאַפט פון פאַרדאָרבענע מענשען, און איר אליין וועט בלייבען פיין און אָרענטלאך, ווייל דאָס איז אומנאַטירלאך, און אין אומנאַטירלאכע זאַכען זאָלט איר ניט גלויבען.

281

איר זאָלט ניט מאַכען אייער פרנסה פון געמבלען, כאָטש מעגלאך אז אייך האָט אָפּגעגליקט א פּאָר מאָל און איר האָט פאַרדינט געלט אין דעם, ווייל די ענדע וועט זיין אז איר וועט רואינירט ווערן.

282

איר זאָלט זיך ניט מישען אין דעם לעבען פון אייערע יונגע

פאַרהייראַטע קינדער, לאָזט זיי גיין מיט זייערע אייגענע וועגן צי איך געפעלט יע צי איך געפעלט ניט, סיידן אז זיי קומען ביי איך פרעגן אַן עצה.

283

קינדערלאך, די שפּראַך פון ליבע לערענט מען ניט אין שולע, זי איז אינטערנאַציאָנאַל, און יעדער בחור און מיידעל פאַרשטייט איר.

284

ווען איר רעדט פאַר אַן עולם אויף אַ פאַרזאמלונג צי ביי א פאַרטי, צי וואו ניט איז, מוזט איר וויסען, וואָס פאַר אַן עולם דאָס איז, און צופּאַסען זיך צום עולם וואָס דאַרף הערן, אז זיי זאָלן פאַרשטיין וואָס איר רעדט.

צום באַדויערען פאַרשטייען עס ניט א סך רעדנער.

285

איר זאָלט ניט מאָנען צופיל פון אייערע קינדער, און זאָלט

אויף זיי ניט לייגען צופיל האָפענונג, וועט איר דאמאָלסט ניט אויסקומען צו אנטוישט ווערען, און איר וועט זיין אין א פיל בעסערער לאַגע.

286

ווען עמיצער איבערצייגט זיך, אז ביי זיין פרוי איז די גראדוסן פון ליבע צו אים שטאַרק געפאַלען, זאָל ער זיך גוט ארומ־זעהן, אפשר ליגט די סיבה אין אים מער ווי אין איר.

287

קינדערלאך, די וועגען פון ליבע זיינען פיל מאָל נאַרישע, קרומע, ערשטוינענדע, משוגע׳נע, אומגלויבלאכע, אָבער אזוי איז עס און קיין מענש קאָן עס ניט איבערמאַכען.

288

די וועלט איז אַ ליכטיגע פאר דעם וואָס האָט האָפענונג, און אַ פינסטערע פאַר דעם וועלכער האָט עס ניט.

289

קינדערלאך, ווען אַ מענטש האָט אַ גוטען מזל, ער איז ערפאָלג־רייך אין זיין לעבען, ער האָט גליקלאַכע טרעפונגען, און איז מצליח, האַלט מען אים פאַר אַ גרויסען חכם, אַ גרויסען העלד, וועלכער איז געבאָרען מיט טאַלאַנט, מיט פעהיגקייטען, כאָטש קיינער האָט פון אים דאָס קיינמאָל ניט באַמערקט, אָבער אז דאָס לעבען איז ביי אַ מענשען ניט קיין ערפאָלג, אים האָט זיך גראַדע קיין גליקלאַכע טרעפונגען ניט אונטער־גערוקט אין האַנט אריין, ווי דעם צווייטען, איז כאָטש ער האָט גראַדע דיזע אַלע מעלות, האַלט מען אים פונדעסטוועגען פאַר אַ שלומיאל, אַ טויגעניכטס וואָס האָט גאָר קיין שכל ניט.

290

ווען אַ מענשען איז ניט גוט, דאַרף ער זיך פאַרטראַכטען וועגען יעניגע וועלכע שטעהן נאָך נידעריגער פאַר אים און געפינען זיך אין אַ סך אַן ערגערער לאַגע ווי ער, סיי אין געזונט, סיי אין געלט, וועט ער דאַמאָלסט זיין צופרידן.

291

קיינע סודות דאַרפן נים זיין ביי א מאַן פון וועלכע די פרוי זאָל נים וויסען, און קיינע סודות דאַרפן נים זיין ביי א פרוי דער מאַן זאָל נים וויסען, ווייל א מאַן מים א פרוי זיינען צוויי גלייכע שותפים אויף זייער גאַנץ לעבען, און נאָר אויף דעם אופן קאָן הערשען פרידען ביי זיי.

292

יעדע פרוי, וואָס גרייט זיך צו ווערן א שטיפמאַמע, דענקט ביי זיך, אז זי וועט זיין אַן אויסנאַם, זי וועט זיין צו די שטיפקינדער פונקט ווי זייער אייגענע מאַמע איז געווען, אָבער אז עס גיים דורך א קליינע צייט, כאַפּט זי זיך איר טעות, אז אנטקעגען דער נאַטור קאָן מען נים גיין, און אז אַן אמת׳ער מאַמען קאָן קיינער נים פאַרבייטען.

293

קינדערלאך, פאַר דעם וואָס האָט שכל צו לעבן, זיינען די

טעג צו קורץ, און פאַר דעם וואָס האָט קיין שכל ניט צו לעבן זיינען די טעג צו לאַנג.

294

ניט איין מאָל האָט מען געכאַפּט א מערדער, וועלכער איז א מיטגליד פון דער געזעלשאַפט וואָס באַשיצט לעבעדיגע באַשעפענישען, מען זאָל זיי קיינע ליידען ניט פאַראורזאַכען, און וועלכער קאָן נעבאַך ניט זעהן ווי מען טויטעט א פליג.

295

זאָלסט ניט איינבויגען דיין רוקען צו דער ערד ווען דיר איז שלעכט, און זאָלסט ניט פאַררייסען דיין קאָפּ צום הימעל ווען דיר איז גוט.

296

איך זאָלט אלע מאָל גיין נאָר מיט'ן אמת, סיי אין גאַס און סיי אין געזעלשאַפט, כאָטש איך וועט דורך דעם האָבען פיל אומ־אומאנגענעמליכקייטען און מעגלאך אויך באַליידיגונגען, אָבער

ביי זיך אין הארצען וועט אייך יעדערער רעספעקטירען פאר דעם און וועט אנערקענען, אז דער גערעכטער זייט איר.

297

קינדערלאך, גליק איז א זאך וואס איז עלאסטיש, יעדערער פארשטייט עס נאך זיין מיינונג, און וואס איינער רופט גליק איז דאס ביי א צווייטען גאר קיין גליק ניט, און אז מען זאגט אז יענער איז גליקלאך מיינט עס נאך זיין מאס, נאך זיין צו־שטאנד, און נאך זיין פארשטאנד.

איינער איז העכסט גליקלאך, ווען ער האט א ליבע פרוי מיט ליבע קינדערלאך, און מאכט א מיטעלמעסיגן לעבען אהן קיינע לוקסוסען, א צווייטער וואלט זיך גערעכענט אומגליק־לאך מיט אזא מיטעלמעסיגן לעבען, ווייל צו אזא לעבען איז ער ניט געוואוינט. א באוואוסטער ניו־יארקער מאגנאט האט געשריבען, אז עס איז געווען מאמענטען וואס ער האט זיך גע־פילט אזוי אומגליקלאך, אז ער האט זיך געוואלט דאס לעבן נעמען, און די אורזאכע איז, וואס אים איז געבליבען נעבאך

נאָר פינף מיליאָן דאָלאר פון די דרייסיג מיליאָן וואָס ער האָט פאַרמאָגט. א דריטער פאַנטאַזירט וועגן האָבען א קינד און דאס איז ביי אים דאס העכסטע גליק, כאטש ביים צווייטען איז דאָס פון די קליינע גליקען, ווייל ער האָט זיי גראָדע אַכט. און א פערטער וואָלט געווען העכסט גליקלאך ווען ער הערט אויף צו זיין קראנק.

298

דאָס מזל האָט ליב צו גיין פּאַמעלאך, דערפאַר דאַרף מען א סך וואַרטען ביז וואַנען עס קומט, אָבער דער שלימזל גלייכט צו לויפען גיך, דערפאַר קומט ער גיכער.

299

קינדערלאך, דאָס לעבען פון יעדען מענשען איז רייך אין פאַרשיידענע פּאַסירונגען, פון גליק און אומגליק, האָפנונג און אנטוישונג, פריידען און ליידען. און א מענש איז יענער, וועל־כער קאָן אַלץ אריבערטראָגען מיט׳ן געהעריגען טעמפּעראַ־

מענט, ער דאַרף ניט אויפהויבען צופיל דעם קאָפּ אין דער הויך, ווען צו אים קומט דאָס גליק און ברענגט אים גרויסע פריידען, און אזוי דאַרף ער ניט ווערען צובראָכען און אנטוישט, ווען עס קומט א שלעכטע צייט, נאָר מיט שכל, האָפענונג, גערולד און ווילנסקראפט וועט ער אלץ בייקומען.

300

עס איז פאַראַן מענשען, וועלכע זיינען אזוי אייפערזיכטיג און ניט פאַרגינעריש, אז ווען זיי זיינען שוין אויפ'ן טויטען בעט, און ווייסען אז זייערע טעג זיינען געציילטע, ווען זיי מאַכען אזעלכע נאַרישע און אומגערעכטע צוואות, נאָר מיט דעם געדאַנק, אז די פרוי וועלכע בלייבט אַן אלמנה זאָל אָפּפינס-טערען איר גאַנצע וועלט, און זאָל שוין קיין פאַרגעניגען מער אין לעבען ניט האָבען, וויבאלד אז ער איז טויט.

301

טעכטער מיינען, ניט איין מאַן זיצט אין טורמע איבער שווינד-

לען אין וועלכע עס איז מער שולדיג די פרוי ווי ער, ווייל זי האָט זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט די ווירקלאַכע אומשטענ־דען, וויפיל דער מאַן פאַרדינט און האָט די מעגלאַכקייט צו געבען איר אויף לעבן, און דער מאַן, א שוואַכלינג, האָט זיך געלאָזען אויף אזעלכע מיטלען, נאָר כדי צו באַפרידיגען זיין פרוי׳ס פאַרלאַנגען.

302

מען דאַרף ניט זיין פאַרצווייפעלט פון א גרויסער צרה, ווייל א סך מאָל טרעפט, אז פון אַ גרויסער צרה קומט א גרויס גליק, און ניט איין מאָל האָט געטראָפען, אז אַ מענש האָט געפונען זיין גליק אין לעבען דורך אַן אומגליק וואָס אים האָט געטראָפען.

303

טעכטער מיינע, פיל מאָל כאַפּט זיך א פרוי אז זי האָט געטאָן נאַרישקייטען, בנוגע דעם פאַמיליע לעבען דאמאָלסט, ווען עס איז שוין צו שפּעט, ווען דאָס לעבען איז שוין א צובראָכענער.

304

זין מיינע, מיט מיידלאך וואָס איר דענקט ניט חתונה צו האָבן, זאָלט איר זיך אזוי אויפפירען, אז זיי זאָלן ניט האָבען די מינד-סטע פאַלשע האָפענונג אויף אייך, ווייל עס איז ניטאָ קיין גרעסערע עולה ווי צו פאַראורזאַכען א יונג קינד פאַלשע האָ-פענונגען און אנטוישונגען.

305

זין מיינע, אויב א מענש ווייס אז דורך זיין ליבע צושטערט ער א היים און אַ פאַמיליע לעבען פון א צווייטען, זאָל ער זיך בעסער אין וואַסער אריינוואַרפען, איידער צו טאָן אַזאַ פאַר-ברעכען.

306

זעהר פיל מאָל, קינדערלאך, קומט אויס א מענשען צו מאַכען זיך פאַר אַ נאַר, וואָס קאָן קיין צוויי ניט ציילן, נאָר צו אויפ-האַלטען זיין עקזיסטענץ, אָבער א קלוגער מענש פיהרט עס

אזוי קונציג דורך, אז די גאַנצע זאַך ווערט מער קאָמיש ווי טראגיש.

307

זין מיינע, ווען א מאַן איז אין דער היים און האָט צייט, זאָל ער העלפען דער פרוי אין איר ארבייט ווען זי נויטיגט זיך אין דעם, און אזוי דאַרף די פרוי העלפען דעם מאַן, ווען זי האָט די מעג־לאכקייט און ער נויטיגט זיך אין איר הילף.

308

איר זאָלט ניט געהערן צו יענע מענשען, וואָס פאַרברענגען זייער צייט אין קאָרטן, געמבלען, שנאַפּס, רייסעס און נאָך אזעלכע זאַכען.

309

איר זאָלט אייערע קינדער ניט נאָכגעבען צופיל, ערפילן אלע פאַרלאַנגען זייערע, אויב איר ווילט ניט אז זיי זאָלן זיך ביי אייך אויסהאָדעווען אייביגע קאַליקעס, וואָס זאָלען צו גאָרנישט טויגען.

310

קינדערלאך, ווען איר ווילט, אז דאָס לעבען זאָל אייך ניט אנטוישען, זאָלט איר זיך פאר דער חתונה ניט פאָרשטעלען קיין גאָלדענע פאַנטאַזיעס, און פריער וויסען, אז דאָס לעבען אין דער ווירקליכקייט איז פיל אַנדערש פון דעם, ווי א בחור מיט א מיידעל שטעלען זיך פאָר אין פאַנטאַזיע, ווען די זיסע אומשולדיגע ליבע פלאַקערט אין זייערע הערצער.

311

איר זאָלט ניט געהערן צו יענע מענשען, וואָס אז זיי באַגעגענען זיך מיט אייך וועלן זיי אייך נאָר דערציילען זייערע צרות, וויפיל אפעראַציעס זיי האָבען דורכגעמאַכט, וויפיל מחלות זיי האָבען, ביי וויפיל דאָקטוירים זיי זיינען שוין איבערגעווען, און וואָס יעדערער האָט זיי געזאָגט און נאָך אזעלכע זאַכען.

312

איר זאָלט אייערע מאָלצייטען מאַכען פון טרוקן ברויט

מיט וואַסער, נאָר ביי יענעם ניט פּאַרנעמען, טאַקע נאָר א שטיקעל טרוקן ברויט, אָבער עס זאָל זיין אייערע.

313

קינדערלאַך, גליק און מזל, אומגליק און שלימזל, דאָס זיינען פיר „באַללס" געוואָרפען פון א געטלאַכער האַנט. גליק־לאַך זיינע יענע צו וועלכע עס פאַלן אַריין די ערשטע צוויי, און אומגליקלאַך זיינען יעניגע צו וועלכע עס קייקלען זיך אריין די לעצטע צוויי.

314

האָבען קינדער קאָנען אפילו די גרעסטע נאַראָנים, אָט זעהט איר צו אויפהאָדעווען די קינדער, זיינען שוין ניט אַלע טאַ־טעס און מאַמעס פעהיג.

315

קינדערלאַך, פאַראַן פילע מענשען וואָס האָבען שכל און פעהיגקייט צו פאַרדינען געלט, און דאָך זיינען זיי גרויסע

אָרימעלייט, ווייל זיי פעהלט די פעהיגקייט איינצוהאַלטען דאָס געלט, וועלכע זיי האָבען פאַרדינט.

316

אויב אייך מאַכט זיך עפּעס מיט א צווייטען א קריג, א סכסוך אין געלט זאַכען, סטאַרעט זיך דורכצוקומען מיט יענעם מיט גוטען, וועט אייך דאָס אויסקומען אלץ פיל ביליגער ווי משפּט'ן זיך.

317

קינדערלאך, אייער גאַנצען לעבען זאָלט איר שטרעבען אויפצוהאָדעווען אייערע קינדער אין א פיינעם, אָרענטלאכען וועג, און ברענגען זיי צו א טאָלק, כאָטש אַזאַ פּראָגראם אין לעבען וועט אייך שטערן אין אייער אייגענעם פאַרגעניגען.

318

קינדערלאך, אייער רחמנות געפיהל זאָל זיין צו אלע באַשעפענישען ניט דוקא צו מענשען.

319

איר זאָלט קיינמאָל ניט זאָגן, אַז יענער איז רייכער פאַר מיר, פאַרנעמט אַן אָרט אין דער געזעלשאַפט א העכערן פאַר מיר, און דאָך טוט ער ניט אזוי פיל פאַר דער געזעלשאַפט ווי איך, גיט ניט אזויפיל צדקה ווי איך. פאַר וואָס זאָל איך געבען, פאַר וואָס זאָל איך אָפּגעבען אזויפיל מיין צייט, ווייל א גוטע זאַך צו טאָן מעג מען זיך אפילו אָפּלערנען פון טייוועל, און א שלעכטע זאַך דאַרף מען זיך ניט לערנען אפילו פון א מלאך.

320

איר זאָלט וויסען, אַז עס איז קיינמאָל ניט שפּעט חרטה האָבען אויף א פעהלער, וואָס איר האָט זיך געכאַפּט, אַז איר האָט געמאַכט און ווילט עס פאַרריכטען.

321

איר זאָלט וויסען, אַז עס קאָנען ניט זיין קיין צוויי גרעסערע

שונאים, ווי פיל מאָל דער גומען מיט'ן מאָגן, וואָס עס איז האָניג פאַר'ן גומען איז סם פאַר'ן מאָגן.

322

איר זאָלט אלעמאָל סטאַרען זיך צו זיין בעסער א רייכער שכן, איידער אַן אָרעמער בעל הבית.

323

איר זאָלט קיינמאָל ניט געבען גערעכט קיינעם אין א קריג, וואו איר הערט ניט אויסביידע צדדים.

324

אויב איר זייט זעהר אויפגעלייגט און אין א הומאָריסטישער שטימונג, דערהויפט נאָך ביי אַ שמחה, און איר ווילט מאַכען אביסעל „פאָן" אויף א צווייטענס חשבון, מוזט איר אָבער פריהער זיין זיכער, אז יענער האָט א חוש פאַר אַ וויץ, אז ניט וועט איר קריגען אַן אומזיסטען שונא אין אייער לעבען.

325

איר זאָלט זיך סטאַרען אייער גאַנצען לעבען אויפהאַלטען די אלטע פריינט, און אין דער זעלבער צייט זוכען אלץ מער נייע פריינט.

326

טעכטער מיינע, א פרוי דאַרף ניט אלעמאָל צובאמקען אלעס וואָס דער מאַן זאָגט, און אויב ביי איר קומט אוים אז ער רעדט אָדער טוט ניט ריכטיג, דאַרף זי אים זאָגען, אָבער דאָס דאַרף צוגיין מיט טאַקט, אויף א קלוגען אופן, עס זאָל ניט קומען צו א קריעג און דער שלום בית זאָל געשטערט ווערען.

327

איר זאָלט געדענקען, קינדער, אז אויב איר אליין וועט ניט טאָן פאַר זיך, און פאר אייערע פאַמיליעס, וועט קיינער פאַר אייך ניט טאָן, און דערפאַר זאָלט איר זיך ניט פאַרלאָזען אויף

יענעם, נאָר אליין נעמען אנטייל אין אייערע אייגענע אָנגעלעגענהייטען.

328

איר זאָלט געדענקען, אז קינדער ווערען געבאָרען אלע גלייך, נאָר די אומשטענדען מיט דער אטמאָספערע אין וועלכער זיי האָדעווען זיך, שטעמפּלען אָפּ זייער כאַראַקטער, כאָטש עס איז פאַראַן אויסנאַמען אויך.

329

דער וואָס איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד איבער א ליבע, ווען ער וואָלט געקענט צוריק לעבעדיג ווערן, וואָלט ער דאַמאָלסט ניט געגלויבט, אז ער איז געווען אַזאַ גרויסער נאַר און אידיאָט, און אזוי אַנדערע זעלבסטמערדער, ווייל א לעבעדיגען מענשען מאַכט די צייט פאַרגעסען אויף אלע צרות.

330

קינדערלאַך, ווען איר ווילט נעמען עפּעס טאָן אום צו מאַכען

א לעבען, זאָלט איר וויסען, אז צו יעדער זאַך, וואָס איר וועט נעמען טאָן, מיט וואָס נאָר איר וועט נעמען האַנדלען, מוז מען זיין א ספּעציאַליסט און האָבען פּראַקטיקע, און אויב איינער איז א חכם און זאָגט, אז אין דעם איז ניטאָ וואָס צו וויסען, עס איז א גרינגע זאַך און יעדערער קאָן זיך פאַר דעם נעמען אָהן ריזיקע, וועט ער צום ענדע פאַרלירען זיין געלט.

331

ליבע איז אזא זאך, וואָס איינעם פאר'סמ'ט זי און פאַרביטערט זיין לעבען אויף אייביג, און אַ צווייטען פאַרזיסט זי און ברענגט אים אייביגען גליק.

332

פילע מענשען האָבען א נאַטור צו לייגען רחמנות אויף אייך, קרעכצען אויף אייערע ליידען, עצות געבען אייך, אָבער געבען אייך טאַקע א ממשות'דיגע הילף, דאָס גראַדע קיינמאָל ניט, דערהויפּט נאָך, אז די הילף איז פאַרבונדען מיט לאָזען זיך קאָסטען וויפיל עס איז.

333

אזוי ווי אַ מענש טאָר ניט איבערשאַצען זיינע פעהיגקייטען מיט זיין טאַלאַנט, אזוי טאָר ער ניט אונטערשאַצען זיינע קענטעגישן און האַלטען זיך פאַר גאָר נישט, אז יענער פאַר־שטייט אלעס, אז אין יענעם ליגט די גאַנצע חכמה און ער אליין איז א לא יוצלח, א טויגענכטס. א מענש דאַרף וויסען, אז ער איז ניט בעסער, ניט קליגער ווי אלע, אָבער אויך ניט נאַרישער, און דאַרף פאַרנעמען אַן אָרט אין געזעלשאַפט פונקט ווי דער צווייטער. נאָר אויף דעם אופן קאָן ער מאַכען ערפאָלג אין לעבען.

334

קינדערלאך, אויב איר ווילט האָבען ערפאָלג אין אייערע געשעפטען, זאָלט איר באַהאַנדלען אייערע קונדען אָרענטלאך, אלעמאָל מיט אַ שמייכעל, רעדען פריינטלאך צו זיי, אינ־טערעסירען זיך מיט דעם וואָס זיי דערציילען אייך, זיין זייער פריינט, ריידען נאָר אמת, געבען ריכטיגע וואָג, ריכטיגע מאָס,

אומביטען צוריק דאָס וואָס זיי געפעלט ניט, איר וועט ניט דערלייגען צו דעם.

335

קינדערלאך, כאָטש איר ווייסט ביי זיך גאַנץ גוט אז איר זייט אָרענטלאך, פונדעסטוועגען זאָלט איר ניט געבען קיין געלעגענהייט דעם מאַן אָדער פרוי, אז ער אָדער זי זאָל קאָנען ווערען אייפערזיכטיג, ווייל א פאַלשער פאַרדאַכט האָט שוין ניט איין פאַמיליע לעבען צושטערט.

336

די וועלט, קינדערלאך, איז אזוי ווי א סטיידזש, עס איז פאַראַן א פאָרהאַנג און הינטער דעם פאַרהאַנג, וואָס עס פּאַסירט נאָר אויף דער וועלט, איז פאַראַן הינטער דער פאַסירונג, צו דעם נאָך א גאַנצע געשיכטע, וואָס די וועלט ווייס ניט, און אזוי איז אויך אין פריוואַט לעבען פון יעדער מענשען, דערפאַר דאַרפט איר זיך אויף קיין זאַך ניט וואונדערען, כאָטש איר

דענקט, אז איר ווייסט וועגן דעם אלץ, ווייל צו דעם וואָס איר ווייסט איז נאָך פאראן „הינטער דעם פאָרהאַנג" וואָס איר ווייסט דאָס גראַדע ניט און וואו עס ליגט דער שליסעל צו אייער וואונדער.

337

א פרוי האָט ליב מען זאָל איר געבען קאָמפּלימענטען, כאָטש זי פארשטייט גאַנץ גוט, אז יענער מיינט עס גאָר ניט, נאָר ער טוט עס פון העפליכקייט וועגען, אָבער זיי פיהלען זיך מיט דעם גוט און האָבען עס ליב, ווייל דאָס זאָגען אליין ברענגט זיי פאַרגעניגען, און דער פאַרדאַכט, אפשר מיינט יענער דאָך וואָס ער רעדט, און ווייל, פארשטייט זיך, דאָס ווילט זיך איר מער גלויבען, האָט זי פון דעם פאַרגעניגען.

338

עס זיינען פאַראַן פיל מענשען וואָס דאָס גליק איז צו זיי אריין דורכ'ן טיר, זיי האָבען אָבער קיין שכל ניט געהאַט ווי אויפ־צונעמען עס, איז עס ארויס דורכ'ן פענסטער.

339

עס זיינען פאַראַן פיל מענשען, וואָס דאָס גליק האָט ביי זיי גע־קלאַפּט פיל מאָל אין טיר, און זיי האָבען ניט געהאַט קיין שכל אריינצולאָזען עס, איז עס אַוועק צו א צווייטען.

340

קינדערלאך, איר זאָלט קיינמאָל ניט וועלן אזא כבוד, וואָס איר דאַרפט פאַר אים צאָלן א גוטען פּרייז, ווייל געקויפטער כבוד איז גאָר נישט ווערט.

341

קינדערלאך, א מאַן וואָס האָט קיין דעה ניט ביי זיך אין זיין אייגען הויז, איז דאָס אומגליקלאכסטע באַשעפעניש אין דער וועלט. אזא מאַן דאַרף מען באַדויערן ווי מען באַדויערט ווען מען זעהט א קריפּעל, וועלכער האָט פאַרלאָרען דורך אַן אומ־גליק זיינע הענט אָדער זיינע פיס.

342

טעכטער מיינע, ווען דער מאַן קומט פאַרנאַכט אַהיים איז ער נאַטירליך אביסעל אויפגערעגט, נערוועז, פיל מאָל פון די טאָג טרעפונגען, פון די פּאַסירונגען וואָס האָט אים געטראָפען אין דעם פאַרגאַנגענעם טאָג: מיט׳ן פּאַרמאַן, מיט׳ן באָס, מיט די קונדען. איר דאַרפט אָבער סימפּאַטיזירען מיט אים, באַרוהיגען אים, האַנדלען קלוג ווי אַן אשת חיל, ער זאָל שוין אין א ווײַלע ארום פאַרגעסען אויף אלץ און זאָל זיך אריינפּאַסען אין דעם שטילען פאַמיליען לעבען.

343

קינדערלאך, איר זאָלט ניט געהערען צו יענע מענשען, וועל־כאָטש זיי פאַרדינען גאַנץ גוט, זיי זיינען גוט אָפּ און קאָנען זיך דערלויבען לעבען ווי מענשען, לעבען זיי אָבער אין אָרעמקייט, אין דחקות, האָבען ניט קיין שום פאַרגעניגען פון זייער לעבען, זיי אליין, און אויך זייערע קינדער, זיי לייגען

אלץ אָפּ אויף שפּעטער, ווען זיי וועלן ווערן נאָך אביסעלע רייכער און רוהיגער, און אזוי גייען אוועק די יאָרען, ביז זיי כאַפּען זיך, אז זיי זיינען אַלט און צעבראָכען און האָבן שוין קיין כח ניט הנאה צו האָבען פון זייער געלט.

344

קינדערלאך מיינע, צי איר וועט זיין רעליגיעז צי ניט, איז אז איר זייט צווישען רעליגיעזע מענשען זאָלט איר ניט באַליידיגן זייערע געפילען, איר זאָלט האָבען רעספּעקט און ניט טאָן אזעלכע זאַכען וואָס איז קעגן זייערע איבערצייגונגען.

345

אויב איר ווילט וויסען, ווי מענשען זיינען נאָך זייער נאַריש אין דעם צוואנציגסטן יאָרהונדערט, לייענט אין די צייטונגען, ווי שווינדלער נאַרען אוים געלט ביי מענשען, וועט איר זיך איבערצייגען אז אין די גרויסע ציוויליזירטע שטעדט, זיינען נאָך פאַראַן צענדליגער טויזענטער נאראָנים און פּרימיטיווע מענ־

שען, וואָס האָבען ניט מער פאַרשטאַנד, איידער די מענשען, וועלכע האָבען געלעבט מיט טויזענטער יאָרען צוריק.

346

עס איז זייער שלעכט פאר א פרוי ווען זי איז אָפּהענגיג אָן דעם מאַן, ווייל ער איז דער פאַרדינער, וועלכער פאַרמאָגט אַ שלעכטען פאַרדאָרבענעם כאַראַקטער, איז אָבער נאָך פיל מער טרויעריג ווען די פרוי איז די פאַרדינערין, און דער מאַן דאַרף זיין אָפּהענגיג אָן איר, און זי האָט אַ פאַרדאָרבענעם כאַראַקטער.

347

דאָס לעבען איז דאָס, וואָס אַ מענש וויל. אויב א מענש וויל איז דאָס לעבען א שלעכטער, און ער זעט נאָר שלעכטס אין דער גאַנצער מענשהייט, און אויב ער וויל קאָן ער זיך איבערצייגען אז דאָס לעבען איז גאָר ניט אזוי טרויעריג, ווייל יעדער מענש קאָן זיך פאַרשאַפען פאַרגעניגן אין דער וועלט

נאָך זיין מעגלאכקייט, אויב ער איז ניט מקנא דעם גליק־לאַכערן, און האָט אַ נאַטור צו באַנוגענען זיך מיט די מעג־לאכקייטן וואָס ער פאַרמאָגט.

348

ניט איין מיידעל איז פאַרזעסען געוואָרען און געבליבען ניט פאַרהייראַט, ווייל זי האָט יונגערהייט געהאַט דעם אומ־גליק צו זיין זייער רייך, זייער שיין און זייער געבילדעט, און דאָס האָט איר געשטערט צו זיין גליקלאך אין איר לעבען.

349

קינדערלאך, ווען איינער האָט צו אייך צוטרויען, זאָלט איר ניט אויסנוצען זיין צוטרוי אויף א שלעכטען אופן, ער זאָל דאַרפען חרטה האָבען אויף דעם.

350

איין מאָל אין יאָר, קינדערלאך, זאָלט איר מיט אייערע פאמי־

ליעס עקזאמענירען זיך ביי אייער הויז דאָקטאָר, ווייל ניט איין קרענק, און ניט איין טויטפאַל האָט מען דורך דעם פאַרהיט, וואָס מען האָט זיך געכאַפּט אין דער ריכטיגער צייט, ווייל דער מלאך המות האָט אַ נאַטור, אויב מען לאָזט אים ניט אריין אין פראָנט טיר, ווען ער קלינגט אָן, גייט ער דורך דער הינטער טיר אריין שטילערהייט, און ווען מען דערזעט אים איז שוין צו שפּעט.

351

עס זיינען פאַראַן מענשען וואָס האַלטען אין איין רעדען, זיי רע־דען וועגען וואָס איר ווילט, און וועגען וואָס איר ווערט זיי זאָגען וועלען זיי אייך האַלטען גאַנצע לעקציעס, אָבער וויפיל איר זאָלט ניט זיין מיט זיי באַפריינדעט און פאַרברענגען מיט זיי וועט איר פון זיי גאָרנישט לערנען, און פאַראַן וואָס האַלטען אין איין שווייגען אָבער ווען זיי רעדען יע, קאָנט איר פון זיי א סך לערנען.

352

קינדערלאך, פרייהייט איז זעהר א גוטע זאך, אָבער נאָר פאר

אַן אָרענטלאַכען מענשען. אָבער פאַר פיעלע מענשען איז פרייהייט אַן אומגליק, ווייל זיי נוצען דאָס אויף א שלעכטען אופן.

353

פאַראַן א סך מענשען, וואָס ווייזען זיך אייך אויס פאַר גרויסע פריינט, און ווען זיי זעהן זיך ניט מיט אייך א קורצע צייט, כאַפּען זיי זיך מיט אייך קושען, און קלערען אָבער דערווייל אז ווען זיי וואָלטען פאַר אייך קיין מורא געהאַט, וואָלטען זיי אייך געגעבען א גוטען בים.

354

איר זאָלט וויסען, אז קינדער דאַרף מען ניט האָדעווען מיט שלאָגן, איר דאַרפט מיט זיי רעדען מיט גוטען, ערקלערען נאָך זייער פאַרשטאַנד יעדע זאַך, וועט איר מאַכען א סך אַ א גרעסערען ערפאָלג איידער דורך מורא און קלעפּ.

355

קינדער דאַרפען האָבען דעם גרעסטען רעספּעקט און דעם

גרעסטען דרך ארץ פאר זייער פאָטער און מוטער, כאָטש זיי זיינען א סך ווייניגער געבילדעט ווי זיי, און יענע קינדער וואָס דענקען אז די עלטערען שטייען א סך נידעריגער פון זיי, און גיבען זיי אנשטאט כבוד גאָר אומכבוד, פון אזעלכע פער־זאָנען דאַרפען אָנשטענדיגע מענשען זיך אָפּקערען ווי פון אַן אומריינער זאַך.

356

איר זאָלט קיינמאָל ניט ווערען אין כעס, ווען אָרעמע מענשען קלאַפּען אייך אין די טירען, ווילען עפּעס ביי אייך קויפען, אָדער אייך עפּעס פאַרקויפען. ענטפערט זיי געלאַסען, שטיל, אָהן כעס, רעדט אוים מיט זיי אַ פאָר גוטע ווערטער, גיט זיי האָפנונג. עס איז מעגלאך אז ביז אייער טיר האָבען זיי שוין געקלאַפּט אין עטלאכע צעהנדליג טירען, און ארויף און אראָפּגעגאנגען א פאָר הונדערט טרעפּ און נאָך אפילו א סענט ניט פאַרדינט.

357

איר זאָלט אַלעמאָל זיין פון די ערשטע וואָס גיבען זייער ביי־

שטייערונג צו אַ קאמפיין פאַר אַ צדקה אינסטיטוציע, און טאָמער האָט מען דורך א טעות אייער נאָמען אויסגעלאָזען, זאָלט איר ניט זיין ווי אנדערע, וועלכע זיינען זעהר צופרידען מיט דעם, נאָר שיקט אליין אריין אייער ביישטייערונג.

358

ווען אייך קומט אויס צו זיין אין א געזעלשאַפט מיט מענשען, וועלכע געפינען זיך אויף א סך אַ נידעריגערער שטופע ווי איר סיי אין בילדונג און סיי אין געזעלשאַפטליכען שטאַנד, דאַרפט איר זיין גענוג קלוג און טאַקטיש צו האַנדלען אזוי, אז יענער זאָל זיך ניט פילען פאַרשעמט אָדער באַליידיגט, און מאַנעווירען אזוי די פאַרהאַנדלונגען, די דעבאַטעס, די גע־שפרעכען, אז יענעם זאָל זיך אויסווייזען, דאָס איר האַלט אים אויף איין שטופע מיט אייך, א גלייכען מיט אייך, און אזוי וועט ער ניט אָנווערען זיין מוט, און איר וועט בלייבען א דזשענ־טעלמאַן.

359

איר זאָלט קיינמאָל ניט מאַכען צו גאָרנישט, אויב עמיצער אין

אייערע פאַמיליעס פיהלט קראַנק, ניט צו רופען קיין דאָקטאָר ווייל ניט איין אומגליק האָט שוין געטראָפען פון דעם, וואָס מען האָט פאַרנאַכלעסיגט א קרענק, מיינענדיג, אז דאָס איז גאָר נישט, ווייל יעדע קליינע אומאָרדנונג אין קערפער, קאָן זיך פאַרוואנדלען אין אַן ערנסטער מחלה, אויב מען גיט ניט די ריכטיגע אויפפאַסונג אויף דעם.

360

איר זאָל זעהען אנטייל צו נעמען אין יענע געזעלשאפטען, וועלכע גיבען זיך אָפּ מיט יונגע קינדער, וואָס זיינען אוועק אויף פאַרברעכערישע וועגען, אומצוקערען זיי אויף א גלייכען וועג און מאַכען זיי פאַר נוצלאכע מענשען.

361

ווען איר טרייבט אַ קאַר, מאַכט זיך ניט פאַר העלדען אריי־בעריאָגען דעם צווייטן, אָדער פאָרן גיכער ווי' דער געזעץ ערלויבט, ווייל מערסטענטייל באַצאָלט מען פאַר אזעלכע

העלדישקייטען אזוי טייער, אז עס לוינט זיך ניט די מציאה, ווייל אייער אייגענער לעבן איז פיל טייערער, איידער דיזע אלע קונצען.

362

איר זאָלט אלעמאָל פיהרען אייער לעבען אזוי, אז ווען איר וועט גיין אין גאַס זאָלט איר ניט דאַרפען אָפּקערען אָן א זייט, ווייל אנטקעגען געהן מענשען וואָס איר שעמט זיך מיט זיי צו באַגעגענען זיך, ווייל איר זייט זיי שולדיג געלט, אָדער איר האָט עפּעס ביי זיי פאַרכאַפּט, צוגענומען, אויסגענאַרט, באַשווינדעלט און נאָך אזעלכעס.

363

איר זאָלט אלעמאָל זיין: גוטע עלטערן, גוטע שכנים, גוטע בירגער, גוטע פאַמיליע לייט, היטען די געזעצן פון לאַנד און ווען עס איז נויטיג פאַרטיידיגען דאָס לאַנד, מיט אייער געלט און בלוט.

364

איר זאָלט קיינמאָל ניט לאַכען פון א נאַר, נאָר זאָלט אים באַדויערען, און סטאַרען זיך צו העלפען אים ער זאָל טאַקע ווערען אביסעל קליגער און זיין גלייך מיט אלע מענשען.

365

קינדערלאך, איפערזוכט איז ניט אריינגערעכענט פאַר אַן אָפּיציעלער קרענק צווישען אלע, זי איז אָבער אין דער ווירקלאכקייט איינע פון די שרעקלאכסטע קרענק, ווייל זי טרייקענט אוים דעם מאַרך פון די ביינער, און ווי צו יענער פאָר פאָלק וואָס איינער פון זיי איז אָנגעשטעקט מיט דיזער מחלה.

366

קינדערלאך, ווי איר זאָלט ניט זיין פאַרנומען אין אייגענעם לעבען, זאָלט איר אלעמאָל געפינען צייט פאר געזעלשאַפטלאַכער ארבייט, און צו העלפען יעדערען, ווער עס וועט זיך נויטיגען אין אייער הילף.

367

קינדערלאך, איר וועט אָפט הערן אויף די פאַרזאַמלונגען שיינע רעדנער, גרויסע טאַלאַנטען, וועלכע באַצויבערען אייך מיט זייער רעדען, אָבער אין זייער גרויסער און שיינער רעדע האָבען זיי דאָך ממשות'דיג גאָרנישט געזאָגט, עס איז נאָר געווען א ים מיט שיינע פראַזען, חכמה'לאך, פון וועלכע איר האָט גאָרנישט געלערענט. און א צווייטענס רעדע וועט זיין ניט שיין, אָהן טאַלאַנט, אָבער ער האָט אייך געזאָגט ממשות'דיג, עפּעס פּראַקטיש, פון וועלכער איר האָט א סך געלערענט.

368

ווען איר גייט, קינדערלאך, אויף א פּארטי זאָלט איר אזוי זיך אויפפירען דאָרטען אין אייער עסען, טרינקען, אין דעם פאַרברענגען, אז ווען איר וועט קומען אהיים, זאָלט איר ניט אויסקרענקען די גאַנצע פּארטי און חרטה האָבען אויפ'ן גאַנצען עסק.

369

איך זאָלט האָבען דעם גרעסטען רעספּעקט פאַר אַן אַלטען מאַן, כאָטש ער איז שוין אביסעל נאַריש, אביסעל אָפּגעלאָזען, רעדט שוין אביסעל ניט וואָס מען דאַרף, ווייל איר זייט ניט באַוואָרענט ווי איר וועט זיין אין זיינע יאָרן.

370

קינדערלאך מיינע, עס איז פאַראַן אזעלכע גוטע פריינט, וואָס אז זיי צוקושען זיך מיט אייך, דאַרפט איר עקזאַמעניירען אייערע ציינער, צי האָבען זיי ביי אייך ניט ארויסגענומען עטלאכע.

371

א מאַן דאַרף ניט עפענען די בריף, וועלכע קומען אָן דער פרוי, און א פרוי דאַרף ניט עפענען די בריף, וועלכע קומען אָן צום מאַן. אָבער פון שלום בית וועגען דאַרפען זיי אליין ווייזען איינער דעם צווייטען די בריף, עס זאָל ניט ארויסקומען קיין אומזיסטע מיספאַרשטענדניסען.

372

קינדער מיינע, דער עולם איז א גולם און מען קאָן אים גרינג אָפּנאַרען, אָבער אויף א ווײַלע, אייביג קאָנט איר אים אָבער ניט נאַרען.

373

קינדערלאך, ווען די קינדער זיינען קליינע דוכט זיך די עלטערען, אז זיי וועלען אויסוואַקסען וועלען זיי שוין קאָנען אָפּרוען אביסעל, אָבער נאָכדעם כאַפּען זיך די עלטערען, אז זיי האָבען געהאַט א גרויסן טעות און אלע יונגע עלטערען האָבען דעם זעלבען טעות, ווייל ווען די קינדער ווערען גרעסער, ווערען די דאגות פיל גרעסער, ערגער ווי פריהער, און דיזע דאגות דערגייען די עלטערען ביז'ן צעהנטען ריפּ, און ווען די קינדער האָבען חתונה, דאמאָלסט לעבען אריבער דער זיידע מיט דער באָבען פון די אייניקלאך איבעראנייעס דאָס זעלבע, וואָס פון זייערע קינדער, ווייל די ליבע צו אַן אייניקעל איז די זעלבע ווי צו א קינד.

374

אז איר וועט יענעם זאָגען א ליגען און יענער זאָגט אייך גאָר־נישט, זאָלט איר נים דענקען אלעמאָל, אז ער גלויבט אייך טאַקע, נאָר פּשוט ער וויל אייך נים פאַרשעמען, און ער האָט דאָך נים קיין היזק פון דעם, מאַכט ער זיך, אז ער גלויבט אייך, אָבער אין האַרצען האַלט ער אייך פאַר זעהר א מיאוס'ן מענשען.

375

עס טרעפט א סך מאָל, קינדערלאך, אז דער וואָס פאָרט שטילער קומט צום ריכטיגען אָרט פיל גיכער, איידער דער וואָס לויפט מיט אימפּעט.

376

אויב א מענש האָט ליב צו רעדען פון זיך, דערציילען אלץ די אייגענע מעלות, און אז ער איז א גאַנצער מלאך, זאָלט איר וויסען, אז ער איז א טייוועל.

377

מיינע קינדער, איר זאָלט אלעמאָל געדענקען, אז אויב יענער איז פאַרדאָרבען, האָט איר אין דעם אויך א געוויסען חלק און די גאַנצע געזעלשאפט.

378

קינדערלאך, נאָך כבוד יאָגען זיך איז טאקע ניט אַזאַ פיינע זאַך, פונדעסטוועגען זאָל זיין געבענשט יענער ווער עס וויל כבוד, ווייל דורכדעם האָבען הנאה אָרימעלייט און שטאָד־טישע אינסטיטוציעס.

379

ווען א מיידעל זאָגט א בחור אָדער א בחור זאָגט א מיידעל, „איך קאָן אָהן דיר ניט לעבען", זאָלט איר ניט זיין זיכער, אז נאָכדעם, נאָך דער חתונה, וועלען זיי ניט זאָגען איינער דעם צווייטען, אז איך קאָן מיט דיר ניט לעבן.

380

עס איז א סך גרינגער צו פאַרהיטען זיך פון צעהן קרענק,

איידער זיי קומען, ווי אַרויסצוקריכען פון איין קרענק, וועלכע איז שוין געקומען.

381

קינדערלאך, איך וועט אויסקומען אין דער וועלט צו זעהן פיל מאָל אזא משונה׳דיגע זאַך, ווי א געזונטער מאַן, א ריז, פאַר וועמען אַלע ציטערען, און אין געזעלשאַפט איז ער איינער פון די שטאַרקסטע כאַראַקטערען מיט וועמענס מיינונג מען רעכענט זיך, ווען ער קומט אהיים ווערט אַ לעמעשקע, אַ שטילע שעפּסעלע, און ווערט פאַרציטערט ווען זיין קליינינקע, דאַרינקע ווייבעלע גיט אויף אים איין בליק.

382

קינדערלאך, איר וועט באַגעגענען פילע מענשען וואָס זיי זיינען אין געזעלשאַפט, אין גאַס, צו פרעמדע מענשען אמת׳ע דזשענטעללייט מיט די פיינסטע מאַניערן, און אין דער היים צו דער אייגענער ווייב און קינדער זיינען זיי באַרבאַרען.

383

קינדערלאך, איר זאָלט קיינמאָל ניט ארייגלייגען אייער גאַנצע געלט אין אַזאַ געשעפט, וואָס איר זייט ניט אינגאַנצען זיכער, אז עס וועט זיין אַן ערפאָלג; ווייל טאָמער ניט, זאָלט איר האָבן מיט וואָס צו ראַטעווען זיך.

384

איר זאָלט קיינמאָל ניט פאַרלאַנגען יענעמס, קיינעם ניט מקנא זיין, און זיין צופרידען צו לעבען אזוי ווי אייער מזל וועט זיין, און נעמען פון דער וועלט דאָס בעסטע וואָס אייך איז מעגלאך נאָך אייער צושטאַנד.

385

קינדערלאך, א מענש דאַרף געדענקען אז ער וועט וועו עס איז שטארבען, ווייל דאָס וועט אים ברענגען צו טאָן א סך גוטס זיינע מיטמענשען, אָבער ער דאַרף זיך קיינמאָל ניט

שרעקען פאר'ן טויט, ווייל יעדער מענש מוז שטאַרבען צי פריער מיט א פּאָר יאָר צי שפּעטער.

386

ווען איך וועל שטאַרבען, וועט איר מיר קיין גרויסע טובה ניט טאָן מיט אייער וויינען און קלאָגען, איך וועל פון דעם לעבע־דיג ניט ווערען, וואָס איך פאַרלאַנג פון אייך יע איז, איר זאָלט העלפען מיט'ן געלט וואָס איך לאָז אייך איבער, אָרענטלאכע, אָרימע מענשען, וועלכע שעמען זיך אויסצו־זאָגען אפילו, אז זיי האָבען ניט, אזעלכע זאָלט איר אויפזוכען און טיילען מיט זיי אייער שטיקעל ברויט.

387

ווען איינער האָט אייך געליען געלט, ווען איר זייט געווען אין אַ שלעכטער לאַגע, איז ווי נאָר אייער לאַגע האָט זיך פאַרבע־סערט זאָלט איר ניט אָפּלייגען, נאָר גלייך אומקערען אים זיין געלט מיט א דאַנק.

388

ערפאָלג אין דער וועלט און ערפאָלג אין פאַמיליע לעבען, זיינען צוויי באַזונדערע זאַכען. איינער קאָן האָבען ערפאָלג אין פאַמיליע לעבען, ער לעבט אַ שטילן פרידלאכן פאַמיליע לעבען, האָט א ליבע פרוי מיט טייערע, ליבע קינדערלאך און לעבט גליקלאך אַלס פאַמיליע מאַן, אָבער אין דער וועלט האָט ער ניט קיין ערפאָלג און איז אַן אָרימאַן, און א צווייטער איז פונקט פאַרקערט, אין דער וועלט האָט ער גרויס ערפאָלג, אָבער דאָס פאַמיליע לעבען איז ביי אים א טרויעריגער.

389

קינדערלאך, אויב איר געפינט עפּעס יענעמ׳ס א זאַך, אָדער עמיצער האָט געלט אייך איבערגעגעבען דורך א טעות, אָדער עפּעס פאַרגעסען ביי אייך, אָדער פאַרביטען מיט אייך, זאָלט איר ניט רוהען ביז וואַנען איר וועט אוועקגעבען יענעם דאָס, וואָס באַלאַנגט צו אים.

390

קינדערלאך, א מוטער דאַרף לערנען א קינד צו רעספּעקטירען דעם פאָטער, און א פאָטער דאַרף לערנען דאָס קינד צו רעספּעקטירען די מוטער.

391

איך זאָלט ניט זיין פון יענע מענשען, וואָס יענע זאַכען אָדער פעלערן וואָס באַלאַנגען צו אַנדערע זעהן זיי פאַר א מייל ווייט, און ביי זיך זעהן זיי ניט וואָס אונטער'ן נאָז טוט זיך.

392

קינדערלאך, אזוי ווי א שכור'ען אָדער א משוגע'נעם ווייזט זיך אוים, אז אלע מענשען זיינען שכור, אָדער משוגע, נאָר ער איז דער איינציגער קלאָרער אָדער ניכטערער, אזוי וועט איך אַ נאַר ניט איבעררייידען, אז דער נאַר איז ער, ניט די גאַנצע וועלט מיט מענשען.

393

בילדונג אָהן ערפאַרונג איז ווי א קערפּער אָהן א נשמה, ווייל בײדע זאַכען מוזען אלעמאָל גיין צוזאַמען, דאַמאָלסט קאָנען זיי ברענגען די ריכטיגע נוצען, וועלכע מען ערוואַרטעט פון דיזע צוויי זאַכען.

394

טעכטער מיינע, א מוטער וואָס לאָזט אירע קליינע קינדער אומלויפען און חבר'ן זיך מיט וועמען זיי געפעלט, ווייזט זי אז זי איז ניט ווערט דעם נאָמען מוטער.

395

קינדערלאך, די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען, אז יעדערען זאָל זיין גוט, ווייל עס איז דאָ גענוג פאר יעדערען, ווען עס וואָלט אפילו געווען אויף דער וועלט צוויי מאָל אזוי פיל מענ־שען, אָבער די קלוגע מענשעלאך האָבען זי איבערגעפיהרט.

396

קינדערלאך, צו אייערע קליינע קינדער זאָלט איר זיין עלטע־רע, און צו די גרויסע חברים און פריינט.

397

איר זאָלט אלעמאָל האַלטען פון דעם כלל, ווייניגער רעדען און מער טאָן.

398

קינדערלאך, ווען א פּאָר פאָלק האָבען חתונה און איינער איז עלטער פאַר׳ן צווייטען מיט א צעהנדליג יאָרען, איז יונגערהייט ביז 50 יאָר ווערען זיי געניסען פון לעבען כמעט ווי מענ־שען פון איין עלטער, אָבער נאָכדעם הויבט זיך אָן צו פילן אלץ מער און מער דער אונטערשייד פון די יאָרען, ביז עס ווערט מיט עטלאכע יאָר שפּעטער גוואַלטיג גרויס.

399

איר זאָלט זיך צו קיינעם ניט וואַרפען מיט עצות, ווען יענער

פרעגט ביי אייך ניט, דערהויפט נאָך אין מעדיצינישע אָנגעלע־
גענהייטן, ווי עס איז די מענשלאכע נאַטור, ווען איינער
דערציילט, אז ער איז קראַנק.

400

ווען איר רעדט וועגען א טויטע, זאָלט איר רעדען מיט רעס־
פעקט, און פאַרגעסען אויף די שלעכטע זאַכען וואָס ער איז
באַגאַנגען אין לעבען, ווייל עס איז זייער מיאוס צו באַרעדען
א טויטען.

401

ווען יענער טוט עפּעס ניט ריכטיג, זאָלט איר אים צום ער־
שטען באַקלערען צו גוטען, אפשר האָט ער אנדערש ניט
געקאָנט האַנדלען, און ווען איר וואָלט געווען אויף זיין אָרט
וואָלט איר אפשר אויך אזוי געהאַנדעלט.

402

ווען איר ווילט זיין אַן עדות פאַר עמיצען, זאָלט איר זיין הונ־

דערט פּראָצענט זיכער אין דער זאַך וואָס איר גייט עדות זאָגען, אז דאָס איז דער ריכטיגער אמת, און אז איר ווייסט דאָס ניט פון א צווייטען, נאָר איר אליין זייט דערביי געווען.

403

עס גיט אין לעבען פיל מאָל, קינדערלאך, וואָס גרויסע מענשען ווערען פון עפּעס אַן אויסערגעוויינליכע איבערלעבונג ווי קליינע קינדער, מען דאַרף זיי גלעטען, פּיעשטשען, טרייסטען, איינריידען, ביז וואַנען מען ברענגט זיי צו זייער נאָרמאַלען צושטאַנד.

404

קינדערלאך איר זאָלט וויסען, אז קליינע קינדער שטעלען זיך פאָר זאַכען אנדערש ווי גרויסע, און דערפאַר דאַרפט איר ניט ווערען נערוועז ווען א קינד פאָלגט אייך ניט, טוט אזעלכע זאַכען וואָס עס דאַרף ניט, ווייל א קינד האָט ניט דעם באַגריף פון „דאָס מעג ער יע טאָן און דאָס טאָר מען ניט טאָן, דאָס איז מיינע און דאָס איז יענעמ'ס, דאָס איז גאַנץ און דאָס איז

צובראָכען, דאָס איז שעהן און דאָס איז מיאוס״, דעם קינד׳ס געדאַנק ארבייט אין אַן אַנדער ריכטונג. איר דאַרפט עס לערנען ביסלאכווייז, אָבער ניט שטראָפען און ווערען אין כעס אויף אים.

405

קינדערלאך, איר זאָלט זיך אין א פאַמיליע קריג קיינמאָל ניט אריינמישען, אזוי אויך זאָלט איר קיינעם קיין טובות ניט טאָן, ווען יענער בעט עס ביי אייך ניט, און איר זאָלט קיינמאָל ניט האַלטען פאַר אייער חוב צו אויפמערקזאַם מאַכען א מאַן, אז די פרוי זיינע טוט ניט אַ ריכטיגע זאַך, אָדער דער פרוי, אז דער מאַן האַנדעלט ניט ריכטיג. וואָס עס זאָל ניט זיין האָט עס מיט אייך גאָר ניט צו טאָן.

406

איר זאָלט וויסען, קינדערלאך, אז יעדער מענש שניידט דאָס, וואָס ער פאַרזייעט, כאָטש עס איז דאָ אביסל אויסנאַמען אויך.

407

א גרויסע לויה נאָך א טויטען, ווערט אים ניט מאַכען לעבעדיג און אויך ניט מאַכען פיהלען בעסער, אָבער עס איז א גרויסע טרייסט צו די לעבעדיגע, וואָס זעהען אז מענשען סימפּאַטיזירען מיט זיי, און דערפאַר איז פאַררעכענט צו גיין באַגלייטען א טויטען פאר אַ הייליגען חוב ביי אלע מענשען.

איך דענק קינדערלאַך, אז פאַר היינט איז שוין גענוג. די קומענדע וואָך, וועל איך ענדיגען דאָס, וואָס איך האָב אייך היינט אָנגעהויבען צו זאָגן.

דער צווייטער טייל פון פּראָפעסאָר ד. טיילאָר
צואה, אין וועלכן עס ווערט איבערגעגעבן וואָס
פּראָפעסאָר ד. טיילאָר האָט דעם צווייטן מאָל
פֿאַרזאָגט זיין פרוי, קינדער און איניקלאך, וועט
ערשיינען אין גיכן און וועט זיין אויסערגע-
וואוינלאך אינטערעסאנט.